STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00840

GETO UN ANDERE LIDER

Chawa Rosenfarb

Permanent preservation of this book was made possible by
Charles & Frances Bay
in memory of
our son, Eli Joshua Bay

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד

Printed in Canada.

חוה ראָזענפאַרב

געטאָ און אַנדערע לידער

אויך פראַגמענטן פון אַ טאָג בוך

אַרויסגעגעבן דורך
ה. הערשמאַן
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1948

דרוק פון סיטי פּרינטינג קאָ., מאָנטרעאַל.

GHETTO AND OTHER POEMS

ALSO FRAGMENTS OF A DIARY

by

CHAVA ROSENFARB

Copyright by

CHAVA ROSENFARB

1948

Published by
H. HERSHMAN
249 Villeneuve St. West
Montreal 8, Que.
Canada

חוה ראָזענפאַרב

אַ וואָרט וועגן דער קאַנאַדער אויסגאַבע

מיט דעם אַרויסגעבן פון חוה ראָזענפאַרב'ס לידער־זאַמלונג (געטאָ און אַנדערע) און טאָג־בוך, ווערט פאַרווירקליכט אַן אַמביציע וואָס האָט מיך באַהערשט באַלד ווי איך האָב פאַרענדיקט לייענען, אין יולי־נומער „צוקונפט", 1946, איר וואונדערבאַרע פּאָעמע „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד". עס האָט מיך פאַרכאַפּט די טיפקייט פון אָט דער אייגענאַרטיקער שאַפונג פון דער יונגער דיכטערין. איך האָב דערפילט די וויכטיקייט צו פאַרשפּרייטן וואָס מער פון דעם ווערק סיי צוליב זיין הויכן קינסטלערישן פּאַרנעם און סיי צוליב דעם גרויסן חוב וואָס ליגט אויף יעדן פון אונדז צו פאַראייביקן דעם „נעכטיקן וואַלד".

דורך אַ גליקליכן צופאַל בין איך באַקאַנט געוואָרן, דערוויילע נאָר שריפטליך, מיט דער דיכטערין און דאָס האָט געפירט דערצו וואָס איך האָב געקראָגן איר הסכמה איבערצודרוקן די באַלאַדע און אויך די קאָלעקציע פון אירע געטאָ־לידער, וואָס זיינען שוין פריער דערשינען, אין בוך־פאָרם, אין לאָנדאָן ענגלאַנד. דערצו האָט די דיכטערין צוגעשיקט פראַגמענטן פון'ם טאָג־בוך, וואָס זי האָט געשריבן זייט דעם ערשטן טאָג פון איר באַפרייאונג פון לאַגער, אַלס אַ הוספה צו דער קאַנאַדער אויסגאַבע.

איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ גרויסער זכיה צו קאָנען בייטראָגן כאָטש מיין קליינעם טייל אין דער פאַרשפּרייטונג פון חוה ראָזענפאַרב'ס שאַפונגען. מיין פאַרדער איז צו שוואַך אויסצודריקן אפילו נאָר אַ מיעוט פונעם געפיל וואָס באַוועגט מיך לגבי דער דיכטערין און דעם אוצר (דערווייל בלויז אַ אַנהויב) וואָס זי האָט אונדז געגעבן. זאָל דער לייענער זיך אַליין פאַרטיפן אין די, פון דער דיכטערין אַדורכגעלעבטע און אַזוי קינסטלעריש־געטריי איבערגעגעבענע, שורות און דערפון אַרויסבאַקומען זיין תקון. אפשר . . .

ה. הערשמאַן

מאָנטרעאַל (קאַנאַדע), סיון תש"ח.

א וואָרט צום לייענער *

דעם 8־טן פעבּרואַר 1940, איז געקומען דער באַפעל פון די נאַציס, וועגן געטאָ פאַר יידן פון לאָדזש. ס׳איז געווען ערב מיין געבּורטס־טאָג. כ׳האָב דאַמאָלס געענדיקט 17 יאָר. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך שוין געוואָנדערט אין געטאָ, לענגאויס די דראָטן... בעת יענעם שפּאַציר איז אויפ־געגאַנגען אין מיר די בענקשאַפט צום געזאַנג... כ׳האָב אָנגעשריבן דאָס ערשטע לידל אין געטאָ.

זעקס יאָר שפּעטער האָב איך אָנגעשריבן די „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד״. מיין ערשט ליד נאָך דער באַפרייאונג.

צווישן די דאָזיקעביידע לידער ציען זיך די יאָרן פון אונדזער גאָלגאָטע. דאָס ערשטע געשריבן אין לאָדזש, דאָס צווייטע אין בריסל. דאָס ערשטע געבּרומט אינעם אומבּאַוואוסטן פאַרגעפּיל פונעם וייטן וועג אונדזערן, נאָך אינדערהיים, נאָך אַרומגערינגלט מיט די אַלעמען. נאָך אַזוי רייך. דאָס צווייטע — ווען איך בין געקומען פון יענעם וועג, וואו יעדער טאָג און יעדע נאַכט איז געווען אונדזער קבר, וואו יעדער וואַלד, יעדער שליאַך האָט געשטאַרט מיט אונדזערע מצבות. געלאָזט זיך אין וועג מיט די אַלעמען, געקומען אַהער אַליין. הינטער מיר דאָס היימלאָזע פּוילן, דאָס זאַטע מיט אונדזער בלוט דייטשלאַנד. הינטער מיר אונדזער זעקס מיליאָניקער טויט. און אויב טויט איז ניט נור די רגע, ווען דאָס האַרץ הערט אויף קלאַפּן, נור אויך דער ציטער פון גוף און נשמה, ביז יענער ווילע — טאָ וויפל מאָל בין איך אַליין געשטאָרבן!

יענער חושכ׳דיקער וועג איז פול געווען מיט גרויסער ליכטיקייט, מיט געליי־טערטער דערהויבונג, יעדע אָרעמסטע נשמה האָט געפּיבערט מיט געטש־לעכער בענקשאַפט צום לעבן, האָט דערקענט די טיפקייטן פון ליבע צו אַ קינד, צו טאַטע־מאַמע, צו אַ ברודער, אַ פריינט, צום אייגענעם פאָלק. האָט דערקענט דעם האַס, פאַר דורות׳דיקער פּיין און אוולות.

---

* די הקדמה האָט די דיכטעריז געשריבן פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פון דער לידער־זאַמלונג דערשינען אין לאָנדאָן, ענגלאַנד 1947.
ה. הערשמאַן.

און איר פון אנדערע פעלקער, און איר אונדזערע אייגענע ברידער, וואָס זייט געווען ווייט פון אונדז אין יענע איינזאַמע יאָרן, וואָס איר האָט געלעבט אַזוי אָרעם און קליין אין טעג פון אונדזער גרויסקייט; ווען איר טרעפט אַזאַ איינעם פון דאָרטן, אַזאַ פּילפּאַך געשטאַרבענעם על־פּי־נס גע־ראַטעוועטן, קושט זיינע אויגן, וואָס האָבן געזען, קושט זיינע מידע פיס, וואָס האָבן אייראָפּע אַדורגעוואַנדערט אין איינזאַמער היים־בענקשאַפט. ווי לאַנג ער וועט זיך בלאָנקען, אָן רו, ווי לאַנג איר וועט אים ניט היילקן, אַזוי לאַנג וועט איר זינקען אין אייער ירידה.

ווען איך האָב געעפנט מיינע „באַפרייטע" אויגן, האָב איך דערפילט אונדזער גרויסע אָרעמקייט, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז לעבן פאַר אונדז וועט הייסן, נור דערמאָנען. אָבער מיט דער צייט איז אויפגעגאַנגען אין מיר אַ נייער אמת. כ'האָב געזען, אַז אונדזער מאַרטירער־וועג האָט קיינעם גאָרניט געלערנט, אונדזער קרבן האָט קיינעם ניט געלייטערט. אַנשטאָט טראָגן אונדז אויף די הענט, לאָזט די וועלט צאַנקען אונדזערע הייליקע רעשטלעך אויפן מיסטקאַסטן פון חרוב'ן דייטשלאַנד, און קיין שום פאָלק האָט ניט אויפגעהויבן די שטים פאַר אונדזערע רעכט. און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, מיר, לעבן־געבליבענע, מיר האָבן אַ הייליקע מיסיע. מיר דאַרפן לערנען ליב האָבן, די אַנדערע קענען עס ניט. מיר דאַרפן אונדזער נעכטן אויפנעמען אין אונדזערע בלוטן און אין דער בלינדער פינצטערניש פון דער היינטיקער וועלט דאַרפן מיר, די געפּייניקטע, מיר, די געהייליקטע אויפגיין מיט אונדזער ליכט. מיר דאַרפן לערנען פון אונדזער נעכטן. אונדזערע קינדער און די קינדער פון אַנדערע פעלקער מוזן זינגען ס'געזאַנג פונעם גרויסן וואַלד.

מיינע געטאָ־לידער האָב איך געטראָגן מיט זיך ביז צו דער ערשטער סעלעקציע אין אוישוויץ. דאָרט האָט מען זיי מיר צוגענומען. כ'בין שוין דאַמאָלס געווען באַרויבט פון אַלעס טייערן. געשטאַנען אַ נאַקעטע, מיט אַ גאָל־ראַזירטן קאָפּ. די לידער זיינען געווען דאָס לעצטע, וואָס מען האָט מיר צוגערויבט. נאָך דער באַפרייאונג האָב איך מיך דערמאָנט איניקע פון זיי. מייסטנטייל די, וועלכע כ'האָב געשריבן אין מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך ספּעציעל איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַ פאָר פון די דאָזיקע, אגב, ניט גענוי דערמאָנטע לידער דרוק איך דאָ אָפּ, מיט באַמערקונגען, ווען זיי זיינען גע־שאַפן געוואָרן. דאָס ליד ממעמקים געשריבן שוין נאָך דער באַפרייאונג פאַ־

דערט געוויסע דערקלערונגען, פּיל געטאָ־ווערטער, וועלכע וואָלטן געדאַרפֿט ווערן סימבאָלן מוזן אָבער פֿריער ווערן דערקלערט און באַקאַנט געמאַכט, זיי זאָלן קענען ווערן אונדזער אַלעמענס אייגנטום.

דאָס דאָזיקע ביכל דערשיינט אַ דאַנק דעם דיכטער משה עובד, וועלכער האָט איבערגעלייענט מיין „באַלאַדע פֿון נעכטיקן וואַלד״ אין יוני נומער פֿון דער „צוקונפֿט״, (1946). ער האָט דערהערט דאָס ליד. עס אויפֿגענומען אין זיך. ער האָט מיר דערמעגלעכט אָפּצודרוקן עס צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע לידער אין דעם דאָזיקן ביכעלע.

די דאָזיקע געזאַנגען זינען ווייט ניט אַלעס, וואָס איך האָב צו זאָגן און צו באַזינגען, וואָס איך האָב צו דערציילן פֿון אונדזער נעכטן. זאָל עס דערווייל אויפֿגיין אין אונדזער היינט ווי אַ טאָן, ווי אַ ציטער פֿון אונדזער גרויסן ניגון.

חוה ראָזענפֿאַרב,

בריסל, נאָוועמבער 1946.

א י נ ה א ַ ל ט :

זייט

אַ וואָרט וועגן דער קאַנאַדער אויסגאַבע 7
אַריינפיר צו דער לאָנדאָנער אויסגאַבע 9

געטאָ לידער

דאָרט אויף יענער זייט 15
יצחק'ס חלום 17
וואו ביסטו זונעניו ? 22
רעגן... רעגן... רעגן... 25
טע־בע־צע, באַלאַדע 29
באַלאַדע פון אַ טענים ראַקעטע 37
וויג ליד 42
צעשיידונג 45
ביים פענצטער 47
מיר קומען אום 49

נאָך־מלחמה־לידער

די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד 51
ממעמקים 64
טאַטע 75
אַזוי שטיל שווימט דער וואָלקן 79

טעג . . .

פראַגמענטן פון אַ טאָג בוך 83

דאָרט אויף יענער זייט...

דאָס ערשטע געטאָ ליד, געשריבן אָנהויב געטאָ, ווינטער, 1940.

דאָרט אויף יענער זייט איז די פרייהייט
זעסט זי פונדערווייט דורך די דראָטן.
דאָרט אויף יענער זייט — דער פרייער ניגון,
דאָרטן לויפט די צייט, דאָרטן לעבן
מענטשן פרייע.

ברודער, נעם מיין האַנט, הער אויף וויינען.
ברודער, קיי דיין ברויט מיט די ציינער.
און נישט קוק אַהין מער אַריבער.
...ס'ציען פעלדער גרין, דאָרטן.... ליבער
ברודער מיינער.

פאַרגעס אָן דעם, פאַרגעס און קיי דיין ביסן.
טרינק דיין פּיין און פרעס.
און האָסט אַ קישן? לייג דיין שווערן קאָפּ, לייג דיין מידן.
חלום דיר אין שלאָף. דאָרט טו שמידן
דיר דיין פרייהייט.

יצחק׳ס חלום

געשריבן דאָנערשטאָג דעם 6־טן סעפּטעמבער 1942. אין טעג פון דער „געטאָ־שפּערע״. דורך 10 טעג האָבן יידן ניט געטאָרט אַרויסגיין פון זייערע וואוינונגען. די דייטשן זענען געגאַנגען פון הויף צו הויף, אַוועקגעריסן קינדער פון מאַמעס, טאַטע־מאַמע פון קינדער, קראַנקע פון בעטן. מען האָט דאַמאָלס דוכט זיך אַרויסגעפירט אַ 18־20 טויזנט יידן. זיי זענען אַלע פאַרניכטעט געוואָרן אין כעלמנאָ.

איך בין שוין געשטאַנען צום וואַנדער אַ גרייטע,
דער רוקן געבויגן פון וועג, וואָס מיך וואַרט.
האָט טיר זיך צעעפנט, פאַר מיר איז דערשינען
פון הייליקסטע ספרים — זיין ברוינע געשטאַלט.

אַ נאַקעטער קערפּער, מעסער אין גאַרטל,
אין ווייכע סאַנדאַלן די בראַנזענע פיס.
אויף אַקסלען־האַלז אין אַ שייטער געבונדן,
האָט ער געשמייכלט יינגליש און זיס.

גוט־מאָרגן, מיין מיידל, דערקענסט מיך נישט ליבסטע?
אויף מיר האָסטו צוואַנציק יאָר לאַנג געוואַרט.
דאָס בין איך יצחק, דיין חתן־באַשערטער.
דורך דורות אומענדלעך צו דיר כ׳האָב געגאַרט.

אַוועק וואַרף די קליידער, אַ טוך נעם אַ ווייסעס
און בינד דיר די לענדן אַרום.
פלעכט אויף די צעפּ און הער אויף צו וויינען.
די האַנט גיב מיר דיינע און קום!

מיר וועלן דורך וועגן וואַנדערן, ליבסטע
לענדער און ימים אומשפּרייזן אָן צאָל.
ביז כ׳וועל דיך ברענגען, מיין כלה־באַשערטע
אַהין אינעם גרינעם חתונה־טאָל.

טאָ קום, לאָמיר שפּאַנען, די וויטן, זיי רופן,
וואָס שטייסטו פאַרציטערט און פרעמד ביי דער זייט?
פרעגסט, וואָס איז דער שייטער אויף אַקסל?
און וואָס דאָס בלאַנקנדע מעסער באַדייט?

טאָ קום, מיין געליבטע, אַרויס צו די וועגן,
גיב מיר דיין האַנט און כ׳זאָג עס דיר באַלד:
פון האָלץ וועל איך שפּעטער אַ הייליקן שייטער
בויען אויף לאַנקע, אין וואַלד.

און ס׳מעסער, מיין כלה, וועל איך דאָרט שלייפן
דערנעבן אויף אַ נאַקעטן שטיין,
און ווער ס׳וועט דער קרבן זיין פרעגסטו זיך?
הער זשע: דער קרבן וועסטו זיין אַליין!

דער קרבן פאַר גאָט איז דיין קרבן פון לעבן,
ווי ס׳האָט מיר געזאָגט מיין טאַטע אַברהם.
אויב גלויבסטו אין ליבע און ליבסטו אין גלויבן
טאָ האָב נישט קיין מורא און קום!

כאָטש ברענען וועט שוין דער הילצערנער שייטער
און לעקן דאָס לייב דיר. דאָך וועסטו זען:
ס׳וועט פאַלן פון האַנט מיר דאָס בלאַנקנדע מעסער.
דער נס וועט מיט דיר, ווי מיט מיר דאַן געשען.

און ס׳וועלן אונדז טייכן דאָרט ביידע באַזינגען,
אונדז וועלן באַוויינען די ביימער די טריבע
און גאָט וועט פון בערג מיט זיין דונערן־שטימע
מיט הייליקן ציטער אונדז לייענען די כתובה.

טאָ קום זשע, געליבטע, קום לאָמיר שפּאַנען
עס גרייט שוין דער הימל אַ חופּה פאַר דיר
קום צו די בלויע עקדה׳שע־פלאַמען,
קום אויף דיין לעצטן מיידל־שפּאַציר.

בין איך געשטאַנען און האָב נור געשמייכלט,
ווען ער האָט די הענט מיר געקושט.
פאַר מיר האָט אַ וועג זיך אַ וויסטער געצייכנט
מיט רויטקייט פון מיין פאַרגליווערטן בלוט.

— גיי פון מיר יצחק, דו זוניקער בחור,
גיי און לאָז מיך דאָ איבער אַליין.
ניט דו ביסט מיין חתן, ניט איך בין דיין כלה,
קענסטו מיך פירן אין ספר אַריין?

מיט מיר וועט קיין נס, ווי מיט דיר, נישט געשען
כאָטש ס'ליבט מיך מײַן גוטער טאַטע אברהם.
כאָטש אים ציטערט די האַנט, ווען ער טוט מיך בענטשן.
ער גלייבט נישט אין גאָט — און איך נישט אין אים.

מײַן טאַטע אברהם גייט מיט מיר דערנעבן,
מיר בלאָנדזשען בייד'ע, פאַרלאָשן דאָס ליכט
און אָנשטאָט דאַווענען ווילן מיר עסן,
אויף וועג צו עקדה, מײַן טאַטע און איך.

גיי פון מיר, יצחק, איך גיי צו גאַלגאָטע,
דאָרט וואַרט אויף מיר קריסטוס און ס'וואַרטן מיט אים
די ליכטיקע העלדן פון רעוואָלוציעס.
די יידן און גוים פון קידוש־השם.

זיי וואַרטן אויף מיר און וועלן מיך גריסן
פון ווייטן מיט אַ וואַרעמער האַנט.
זיי וועלן מיך זאַלבן און וועלן מיך קרוינען
אַלס הייליקסטע אין זייער הייליקן לאַנד.

זיי האָבן אַלע געקעמפט און געליטן
געשטאָרבן צו מאַכן עמעצן פריי
נור איך בין גרעסער, נור איך בין העכער
נור אין ליידן בין איך נאָך רײַכער פון זיי.

אויף חושך־וועגן צו ווייטער עקדה
האָט גלויביק אַ פֿלעמל געוואַנדערט מיט זיי
נור איך בין גרעסער, נור איך בין העכער
נור אין גלויבן בין איך מער אָרעם פון זיי.

טאַ, ווי קענען היינט געשען מיט מיר ניסים,
אַז ס׳זענען קיין ניסים געשעען מיט זיי
וואָס זיי האָבן אין גלויבן געלעבט און גע׳תפילה׳ט
און איך וויל נור זאָט זיין אין שעה פון פאַרגיין.

טאַ גיי פון מיר, יצחק, מיין וועג איז אַ וויסטער
דורך נעכט אָנע תפילה, דורך טעג אָנע ברויט
מיך וועט פאַרציקן די וויסטע עקדה
מיך וועט אָנשטאָט גאָט — דערלייזן דער טויט.

און דאָ האָט די טיר א שטורעם צעעפנט
אַ ווינט האָט צעטראָגן מיין היים און מיין הויז
און האָט זיך צעפיפן אין שכנישע גאָסן
אַרויס, צו דעם שייטער! אַרויס!

האָב איך געקוקט אויף מיין טאַטן אברהמען.
נור ער האָט מיך שווייגנד גענומען ביים האַנט.
און בראַנזענער יצחק אין אַנגסטיקן ציטער
געפּרעסט האָט זיין גוף צו דער וואַנט.

— דו שרעקסט זיך גאָר יצחק? איך בין נאָר אַ חלום.
דערוואַך און דו ביסט שוין צוריק אינדערהיים.
דאָרט וואַרט אויף דיר רבקה, דיין אמת׳ע כלה,
און רופט אין געצעלט דיך אַריין.

אייל זיך צוריק אין דיין לאַנד פון די ניסים
און מיך מיט מיין טאַטן לאָז איבער אַליין.
דיין גאָט גייט אַליין היינט מיט אונדז צו עקדה,
טאַ אייל זיך צוריק אין דיין ספר אַריין.

וואו ביסטו, זונעניו?

געשריבן נאָך דער „שפּערע״ האַרבסט 1942.

וואו ביסטו, וואו ביסטו, זונעניו?
אין שפּיגלען פון ימים, מיין מאַמעניו
באָדן זיך וואָלקנדלעך ווייסע, ווי שניי
און הימלישע אָרעמס וויגן זיי איין.

און דו, וואו ביסטו, דו, וואו ביסט זונעניו?
אין רוישיקע וועלדער מיין מאַמעניו,
זינגט זיך דאָרט ערגעץ אַ פויגל אַ ליד,
און ווינטן אויף האַרפעס העלפן אים מיט.

און אויף די לאַנקעס, מיין מאַמעניו,
זינגט זיך אַ פאַסטעכל גלאַט אַזוי צו
און אפשר האָט ער אַ פידעלע אויך
שפילט ער פאַר שעפעלעך האַרציק אַזוי.

און דו וואו ביסט, דו וואו ביסט זונעניו ?
עס גאָלדיקן זאַנגען, מיין מאַמעניו,
און ס׳גייען סאָלדאַטן דורך וועגן אַהיים
ס׳וועט מאָרגן מסתמא אַ יום־טוב שוין זיין.

ס׳וועט מאָרגן פאַרגעסן זיין שנאה און שווערד
מסתמא וועט שלום זיין אויף דער ערד.
מסתמא וועט אויפגיין אַ זוניקע פרייד
אין קינדישע אויגן, אין קינדישע רייד.

און דו וואו ביסט, דו וואו ביסט זונעניו ?
אין שטאָטישע גאַסן, מיין מאַמעמניו
וועלן קונדייסימלעך שמוציק, פאַרשייט
קומען צו לויפן, צו טאַנצן אַהיים.

וועלן שפרינגען אויף קניען און שמייען זיך אום,
און וועלן זיין דאָ, איבעראַל, אומעטום.
וועלן קייכן פון לאַכן און הונגריק אַזוי
וועלן קייען דאָס פרישע געבאַקענע ברויט.

און דו וואו ביסט, דו וואו ביסט זונעניו ?
אין אַ שטיבל אַ ווייטן מיין מאַמעניו,
וועט שטיין דאָרט אַ בעטל, אַ לעדעס ביים זיים.
וועט ליגן אין ווינקל אַ שטומער טרומייט.

און דאָרטן איז טונקל, מיין מאַמעניו,
דאָרט איז אויף שטענדיק די בענקשאַפט שוין דאָ.
און דאָרט וועט שוין קיינמאָל ניט שמייכלען די פרייד.
ס׳וועט שטענדיק דאָרט זיצן אַ מאַמע פאַרוויינט.

און וואו ביסטו, וואו ביסטו זונעניו...
זי וועט מער ניט זינגען: איילע־ליו־ליו —
ס׳וועט קיינער נישט פּאַטשן „פּאַטשע קיכעלעך״,
ניט ווערן צו ענג קליינע שיכעלעך.

און לײדיק וועט זיין איר שויס, אירע הענט
ס׳וועט יאָמערן ס׳לייב אירס צום צערטל פאַרבענקט
און אייביק וויגן דאָס ליידיקע וויגעלע
און פרעגן: — וואו ביסטו, מיין יידיש יינגעלע?

וואו ביסטו, וואו, דו מיין זונעניו?
כ׳בין שוין מאַמעניו, לאַנג מער נישטאָ...
פרעג אים, פרעג אים, אינדרויסן דעם ווינט.
אַ פרעמדער טאַטע ט׳געשפּילט מיט דיין קינד.

רעגן... רעגן... רעגן...

געשריבן האַרבסט 1943.



רעגן, רעגן, רעגן
קאַפּעט טראָפּ נאָך טראָפּ.
שלינגען מיינע שויבן
טרערן שטיל אראָפּ.

רעגן... רעגן... רעגן,
וואָס וועט מאָרגן זיין ?
אויף וועלכע וויסטע וועגן
וועט רינען מיין געוויין ?

לעבן... לעבן... לעבן,
ציטערסט אין מיין שויב.
כ׳וויל שפייען דיר אַ קללה,
און כ׳פּליסטער נור אַ לויב.

לעבן... לעבן... לעבן,
טריף נאָך, טריף אַ טראַפּ.
שמייס מיך מיט דיין רעגן,
נאָר טרעט פון מיר נישט אָפּ.

אַ פליג, וואָס ווערט געבוירן
אין גרויען, טויטן האַרבסט
ווייסט אויך דעם טעם פון יום־טוב,
פון פרייד, איידער זי שטאַרבט.

איך קען אין נעכט אין וויסטע
בליען גרין און צאַרט.
און ס׳קען מיין גרעסטע סעודה
זיין — אַ שטיק ברויט פאַרדאַרט.

איך קען אין טעג פון אימה
געפינען שטויב פון פרייד,
איך קען צו מיין געליבטן
נאָך רעדן זיסע רייד.

איך קען אפילו טאַנצן,
ווען ס׳פאַלט מיין היימיש הויז.
כ׳האָב נאָך אזוי פיל טרערן,
וואָס מאַכט עס ביי מיר אויס?

און ס׳קען אַ חושך־הימל
צודעקן מיין קאָפּ
און ס׳קען אַ שטיין אַ קאַלטער
פאַרוויגן מיך צום שלאָף.

און ס׳קענען וועלטן־זייטן
זיין ווענט אַרום מיין הויז.
ווען זיי אפילו פאַלן,
וואָס מאַכט עס מיר דען אויס?

כ׳קען גיין אפילו באָרוועס,
מיט בגדים דורכגעברענט,
און ס׳קען דאָס בלוט מיר טריפן
פון מיינע דינע הענט!

און קיינמאָל וועט קיין שאָטן
נישט אויפגיין אין מיין אויג.
דו וועסט מיך גענאַרן —
און איך וועל זאָגן: כ׳גלויב!

קען זיין, אַז איך בין טאַקע,
אין האַרבסט, אַ געבוירענע פליג.
דאַנק איך דערפאַר דיר, מיין לעבן,
און דו גיב מיר אָפּ מיינע טעג,

בעסער האַרבסטיק זיך פרייען,
איידער אינגאנצן נישט זיין.
וואָס זאָל איך טון. אַז כ׳וויל לעבן
און אויסוויינען נאָך מיין געוויין?

* * *

לעבן... לעבן... לעבן...
טריף נאָך, טריף אַ טראָפּ.
שמייס מיך מיט דיין רעגן
נור טרעט פון מיר נישט אָפּ.

לעבן... לעבן... לעבן...
ציטערסט אין מיין שויב.
כ׳וויל שפייען דיר אַ קללה
און כ׳פּליסטער נור אַ לויב.

טע־בע־צע באַלאַדע *

וואָו גייט זי דורך גאַסן אַצינדער
ווען פרילינג איז גרין און צעהעלט ?
דאָס גייט זי צום געטאָ — בית־עולם
מיט זון אויף די בייניקע הענט.

אַ צעטל, אַ ווייסער אין בוזעם
מיט איר דיאַגנאָז : טע־בע־צע.
און כאָטש זי איז אַלט איצט בלויז זעכצן,
איז אַלעס פאַר איר שוין געווען.

* * *

*) טע־בע־צע. — אַ באַקאַנטער אויסדרוק אין געטאָ. אַזוי האָט מען גערופן די טובערקולאָז־קראַנקהייט. דער גרעסטער טייל פון דער געטאָ־יוגנט איז געווען מיט איר אָנגעשטעקט.

געווען אַ זון אויפן פענצטער,
אַ פּאַסמע גאָלדיקער שטויב,
געווען אַ ווינקל אין צימער,
וואו ס'האָט זיך אָמבעסטן געטרוימט.

געווען אַ פאַרכּשופטער גאָרטן
און אַ ווייטער צעהוידעטער וואַלד
און בלומען, וואָס וואַקסן פאַרבאָרגן
אין אַ נאָענטן־ווייטן לאַנד.

און שטילע געפליסטערטע מעשיות
איבער איר בעטל פאַרביי,
די מאַמע זינגט איר אַ לידל,
די מאַמע ברומט און דערציילט.

אַ יינגעלע וואַנדערט דורך ימים
זוכן זיין מאַמען אַליין.
צי האָט ער זי טאַקע געפונען?
און וואָס וועט ווייטער נאָך זיין?

אַ מיידעלע האַנדלט אין גאַסן
מיט שוועבעלעך קליינע אין האַנט.
פאַרוואָס זענען קינדערלעך טרויעריק
אַפילו אין מעשהלע־לאַנד?

און שפּעטער געווען איז אַ ביכל
מיט בילדלעך פאַרשמירט און צעקנייטשט.
מיט שפּורן פון קינדישן פינגער
וואָס וואַנדערט פון זייטל צו זייט.

„מעם" מיט אַן „אַלעף" צוזאַמען
לייענט מען... לייענט מען... „מאַ"...
און אַלעס צוזאַמען מאַכט „מאַמע".
אַ וואָרט און אַ כּשוף אַזאַ.

אין שול אויף דער באַנק, נעבן פענצטער,
אַ מיידעלע שמייכלט מיט חן,
— איך וועל דיר באָרגן מיין בלייער,
ווילסטו מיין חברטע זיין?

איך וועל דיר געבן די קרעלן.
כ'האָב נאָך אַ גרין שטיקל זייד.
איך האָב אַ פעדער אַ גוטע.
און אַ רונדיק שטיקעלע קרייד.

מיר וועלן צוזאַמען קומען,
צוזאַמען שפּאַצירן אַ היים
איך וועל דיר סודות דערציילן,
ווילסטו מיין חברטע זיין?

די לערערין שמייכלט פון וויטן,
זי זאָגט עפּעס, צי זי דערציילט?
אַך, יאָ מען מוז גאָר איצט שרייבן
אַן אַרבעט. נישטאָ מער קיין צייט.

די לערערין האָט היינט פאַרגעבן
אַן ארבעט צו שרייבן אַליין:
— „וואָס וועל איך אַמאָל ווערן
ווען איך וועל אַ גרויסע שוין זיין".

און שפּעטער זענען געקומען
צעעפּנטע, דופּטיקע טעג.
אין שול איז אַ שענקל פֿאַראַנען,
אין שול איז אַ ביבליאָטעק.

„ראָבינזאָן קרוזאָ״ געלייענט שוין,
און „ס׳שטיבל פֿון פֿעטער טאָם״
און „מאָטל פּייסי דעם חזנס״
און „הערשעלע״ פֿון דינעזאָן.

און איצטער מישן זיך זייטלעך
און ס׳ציטערט די קינדישע האַנט.
אַ רייזע אַ וואונדערבאַר ווייטע
מיט „קינדער פֿון קאַפּיטאַן גראַנט״.

און שפּעטער פֿאַרביי איז זשול ווערן,
פֿאַרביי וואָלטער סקאָט און מיין־ריד.
געקומען ביכער אַנדערע
מיט ציטער אויף קינדישן בלוט.

געקומען „וויקטאָריאַ״ פֿון האַמסון.
געעפּנט אַ צווייט מאָל די וועלט.
ס׳רייצט יעדער זייטל מיט אומרו.
נאָענט אַזוי און דאָך פֿרעמד.

עפּעס ווייסט זי, און ווייסט נישט
עפּעס רופֿט, עפּעס טרייבט און דערהויבט.
מיט אומרו פֿאַלט סוד פֿונעם ביכל
אויף קינדיש־מיידלישן לייב.

און איצטער קומט שלאָפלאָזע בענקשאַפט,
עס גליט און עס ציטערט איר בעט.
זי וואָלט זיך וועגן דעם אַלעם,
דער מאַמען איבערגעפרעגט.

נור זי פרעגט זיך קיינעם נישט איבער.
פאַרוואָס? נור זי ווייסט נישט אַליין.
פאַלן טרערן אויף נאַכטיקן קישן,
אַ פרעמד און אַ נאָגנד געוויין.

נור אָפטמאָל גאָר ווילט זיך איר טאַנצן,
און קושן אַלע אַרום.
און צעטיילן זיך אַזוי אינגאַנצן,
פאַר ערד און פאַר גאַס און פאַר זון!

ציט זיך איר לייב טאַקע איצטער
אויס, און זי ווייסט נישט אַליין.
איז זי נאָך טאַקע די זעלבע,
צי אפשר אַן אַנדערע שוין?

די פיס אַזעלכע דינע,
די אָרעמס ווייך און פאַררונדט.
און אונטערן העמדל ציטערט
די ברוסט ביי יעדן איר שפּרונג.

און דאַן טאַקע האָט עס געטראָפן
אייגנטלעך גאָרנישט... און דאָך...
מען פלעגט נאָר צוזאַמען שפּאַצירן,
צוזאַמען אַהיימגיין פון קלוב.

ער פלעגט זי שטענדיק באַגלייטן
און שפּרייזן שטיל בײַ איר זײַט
און רעדן פֿון סאָקראַט און פּלאַטאָ
און פֿון דער טעאָריע פֿון פֿרויד.

זיי פֿלעגן לאַנג דיסקוטירן
פֿון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם
און פֿון סאָציאַל־רעוואָלוציע
און פֿון אַלעם, וואָס איז געווען.

זיי פֿלעגן אויך רעדן פֿון ליבע,
אַז ס׳זענען דאָ מינים צוויי:
איינע איז ריין און פּלאַטאָניש.
די צווייטע: ...נור ער מוז שוין גיין.

ער פֿלעגט איר די האַנט דאַן דערלאַנגען,
— אַך, יאָ, כ׳האָב נאָך זאָגן געוואָלט
די האָר דײַנע זײַנען נאָך הייסער
און רויטער פֿון גאָלדענעם גאָלד. —

ער פֿלעגט אין אַ ראָג דאַן פֿאַרשווינדן.
און זי פֿלעגט אין טויער אַריין.
צעיאָכמעט לויפֿן אויף שטיגן.
מיט ווילדע צעזונגענע רייד.

און דאַן פֿלעגט זי ליגן אין בעטל.
מיט אויגן צעעפֿנט און וואַך
— צי ליבט ער מיך טאַקע פּלאַטאָניש,
צי גייסטיק, צי אַנדערש נאָך?

און טעג האָבן גרויסע צעעפנט
דעם סוד פון מיידלישער פרייד.
געוועזן אַ באַנק אינעם גאָרטן,
וואָס האָט שטיל געהערט זייערע רייד.

אונטער צעוויקלטע צווייגן
פלעגט פליסן לאַנג זייער טרוים.
— נאָך דער סאָציאַל־רעוואָלוציע
וועט קומען וועלט־איבערבוי.

מיר וועלן בײדע גרינדן
אונדזער פריי־קאָלעקטיוו,
איך וועל זיין דער פירער
פון אַ לאָקאָמאָטיוו.

און דו וועסט באַגיסן די בלומען
אין גאָרטן ארום אונדזער הויז.
און ווען כ׳וועל צו דיר קומען,
וועסטו מיר דערלאנגען א רויז.

וואָס בלעזלסטו דיינע ליפּן?
דו ביסט נישט מסכּים אַזוי?
איך האָב בורזשואזע באַגריפן,
דו ביסט אַן אַנדערע פרוי?

גוט, וועלן בלומען באגיסן
די, וואָס זענען שוין שוואַך.
און דו וועסט אין די פאַבריקן
טון אונדזער אַרבעטער־זאַך.

און וועל איך דיך אַמאָל טרעפן,
גראָד פאָרן דערנעבן, פאַרביי.
— העי, איך בין דיינער — כ'וועל רופן.
און דו וועסט מיר שמייכלען: כ'בין דיין!

* * *

וואו גייט זי דורך גאַסן אַצינדער,
ווען פרילינג איז גרין און צעהעלט
דאָס גייט זי צום געטאָ־בית־עולם
מיט זון אויף די בייניקע הענט.

באַלאַדע פון א טעניס־ראקעטע

(פון ציקל טע. בע. צע. — לידער)

געווידמעט דעם אָנדענק פון יעקב באַרנשטיין.
אַוועק מיט דעם ערשטן ווינטער־טראַנספּאָרט. 41־1940,
נישט אינגאַנצן ריכטיק דערמאָנט.



בר׳טע, איר זענט געקומען,
איצטער געקומען צו מיר?
יאָ, כ׳האָב גלייך עס דערציטערט,
ווי נאָר האָסט די קליאַמקע באַרירט.

קומט זשע אַריין, וואָס שטייט איר.
איר זעט נישט, איר ווילט מאַכן ליכט?
סלוּיכט סיי ווי מיר אין דער פינצטער
אַהער אייער ליכטיק געזיכט.

נישקאָשע, איר וועט דאָך שוין טרעפֿן.
באַקאַנט אייך געװיי מיין אַדרעס:
די קיך, די בענקלעך, דאָס טישל.
און איך אַליין — ליג אין בעט.

וואָס האָט איר זיך דאָרטן דערשראָקן?
ס׳איז גאָרנישט, מיין מאַנטל נישט מער.
אַרונטערגעפֿאַלן מיין היטל?
זאָל עס זיך ליגן אויף דר׳ערד.

און איצטער קענט איר זיך זעצן.
וואָס פֿלאַטערט אַרום אייער בליק?
דאָ זענט איר געזעסן מיט לאַנגע
ניינציק שעהן צוריק...

און איצטער וועלן מיר שמועסן
ביז טיף אין דער פֿינצטער אַריין,
ביז איר וועט מיך ווידער פֿאַרלאָזן.
נאָר איר וועט סיי ווי דאָ זיין.

איר ווילט מיר דאָס קישן פֿאַרריכטן?
אַרעמט מיר אונטער מיין קאָפּ.
ווי זיס רינט איבער מיין פּנים
דער זייד פֿון דיין מיידלישן צאָפּ.

און איצטער וועלן מיר שמועסן.
אַלעס וואָס כ׳האָב דורכגעטראַכט
דורך חושך־לאַנגע מעת־לעת׳ן,
דורך טעג פֿון מיין וואַכיקער נאַכט.

און טאָמער פאַרגעס איך, חלילה,
גיב מיך גלייך אַ דערמאָן.
און גיב מיר די פּאַפּיראָסן
נאָך איידער איך הייב עפּעס אָן.

דו זאָגסט, אַז איך טאָר נישט, אָך מיידל,
דאָס איז דאָך לכבוד אייך.
איך וועל אייך דערציילן מיין לעבן
אָט אזוי מיטן רויך...

איז הער... איך האָב אַ מתנה
שוין לאַנג פאַר אייך צוגעגרייט.
אַ ווייסע טעניס־ראַקעטע,
פון אויבן אַביסל פאַרשטויבט.

איר וועט צו מיר מאָרגן קומען,
באַלד אינדערפרי זייגער אַכט.
איך וועל שוין וואַרטן מיט בלומען,
זיי פּליקן אַ גאַנצע נאַכט.

מאָרגן קומט זון צו מיין פענצטער
און לייגט זיך אויס אויף דער וואַנט.
מיר וועלן דאָ שפּילן אין טעניס,
מיר אַלע צוויי, זאַלבענאַנד.

און אונדזערע ביידנס טרערן,
וועלן טעניס־באַלעמלעך זיין.
מיר וועלן זיך איבערקלאַפּן,
געוויין — אַנטקעגן געוויין.

און אויבן אַ רעגנבויגן
וועט שטיין צווישן אונדז אינדערמיט.
און מיר וועלן ביידע זיך וואַרפן
מיט טרערן אַהין און צוריק.

און וועך ס׳וועט זיין דער זיגער,
וועט סייווי זיין פאַרשפּילט.
איז וואָס ? ס׳וועט אַ רעגן־בויגן,
שטיין צווישן אונדז אינדערמיט.

נור נישט געדאגה׳ט, מיין קליינע,
פאַרשפּילן — נישטאָ אַזוי פיל.
און צו געווינען — א יום־טוב,
און צו געווינען — די שפּיל.

איר וועט קומען באַלד מאָרגן
אין ווייסן זוניקן קלייד.
און איך וועל טראָגן אַ מאַנטל
פון לויטער ליכטיקער פרייד.

וואָס שווייגט איר, דוכט זיך איר ציטערט ?
ס׳איז גאָרנישט, אונטן דער פּלומפּ,
פאַרטרוקנט אים אַלע טרערן, סקריפּעט
ער, ביז ער פאַרשטומט.

וואָס שווייגסטו, איינציקע מיינע ?
ביז מאָרגן איז דאָך שוין נישט ווייט
צינד אָן דיינע טונקעלע אויגן ;
די טעניס־ראַקעטע איז גרייט.

וואָס שרעקסטו זיך, טריט אינעם דרויסן?
מען קלאַפּט ערגעץ דאָרט אין אַ טיר?
דאָס איז צום שכן צום קראַנקן,
געקומען די אייביקע רו.

זאָגסט ס׳איז אַ פּראָסט אינעם צימער?
זע, ווי עס זומערט מיין לייב,
איך וואָלט דאָך אינגאַנצן געשוואומען
אין יום־טוב פון וואַרעמע רייד.

וואָס שטופּסטו מיר צווישן ליפּן
אַ לעפּעלע צוקער פאַר מיר?
ווי זאַפטיק עס פליסט אין מיר זיסקייט...
פון יעדן דיין שטילן באַריר.

ווי זיס עס פליסט אינעם בלוט מיר,
כ׳בין שכור פון זיסקייט אַליין.
איך ווייס, אַז דו כליפּעסט אַצינדער
פאַר גרויסער פאַר׳שכורטער־פרייד.

יאָ, כ׳האָב געזאָלט דיר דערציילן...
מיין לעבן — פארגעסן צום טויט!
איצט מוז איך זיך אַזוי איילן...
נור כ׳האָב דאָך שוין אַלעס דערציילט.

וואו גייסטו, דו ווילסט ערגעץ לויפן?
דו קנעפּלסט דיין מאַנטל געשווינד...
פאַרגעס נישט די טעניס־ראַקעטע,
און גיי, דו מיין מיידל, מיין קינד.

ווינטער 1943.

וויג ליד

(פון ציקל טע. בע. צע. — לידער)

נעכטן בין איך געשטאָרבן
און דיך נישט געבוירן, מיין קינד,
מיין טאָג איז אַוועק מיטן שאָטן,
דיין מאָרגן איז שטום נאָך און בלינד.

נעכטן בין איך פאַרגאַנגען,
ווי אַ שימער אין אויג פון דער זון —
און דו האָסט נאָך אינעם אויפגאַנג
נישט צעוויקלט די קרוין פון דיין בלום.

געשריבן בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, סוף זומען 1944.

מיין ליכט האָט דער ווינט שוין פֿאַרלאָשן, —
דיין פּלעמל — זיך נאָך נישט צעשיינט.
צווישן דעם מאָרגן און נעכטן
גליוועט דער חושך פֿון היינט.

איך האָב מיך אָ הערלעכע מעשה
געלערנט מיין לעבן לאַנג.
איך האָב זי געזאָלט דיר דערציילן
מיט שטילן פֿאַרבענקטן געזאַנג.

אַז ערגעץ אויף פֿעלדער, אויף ווייטע
אַקערט אַ פּויער די ערד.
אַ פּאַרע גייט אויף פֿון די סקיבעס,
פֿון פּיסק פֿון צעהירזשעטן פֿערד.

און פֿייגל אַ יונגע כאַליאַסטרע
קרייזלען זיי נאָך אין באַגלייט.
פֿון שוויס וואָס פֿאַלט אויף די סקיבעס
וועט תבואה אויפֿגיין און פֿרייד.

דאָס האָב איך געזאָלט דיר דערציילן
אַ מעשה פֿון בלומען און ברויט
נור דו ביסט דאָך נאָך נישט געבוירן. —
די מעשה פֿון לעבן איז טויט.

נישט דו וועסט אויפֿגיין אין מאָרגן.
נישט איך האָב מיין האָפֿנונג פֿאַרזייט
אונדזערע קברים פֿאַרבאָרגן
אינעם בית־עולם פֿון היינט.

נאַקעטע פעלדער, מיין ליבער
און איבער זיי הימלען אָן טרוים.
און צווישן הימלען און ערדן
בלאַנקעט זיך אונדזער געוויין.

און הער, איבער פעלדער די ווייטע
טראָגט זיך אָן אומעטיק ליד.
עס הוידעט זיך איבער מיין קבר,
עס הוידעט זיך איבער דיין וויג.

טאָ לאָמיר ביידע איצט שלאָפן,
מיין נאָך נישט געבוירענער זון.
עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט טרעפן
מיין חלום מיט דיינעם פאַרשפּינט.

צעשיידונג

נאָך איינמאָל גיב מיר דיינע הייסע אָרעמס.
מיט פיבעררינגען קלאַמער אום מיין לייב.
און גורלדיק אַזוי געקנופּט, צעשטורעמט
פאַרקנוילן זאָל זיך יאָמער מיט דער פרייד.

נאָך איינמאָל זאָלן מיינע דינע פינגער,
ווי אויף אַ האַרפע שפּילן אויף דיין לייב.
און זאָלן גלידער בענקענדיק אויסזינגען
די קיינמאָל נישט געזאָגטע רייד.

נאָך איינמאָל לאָמיר פּילן אונדזער אָטעם,
די וואַרעמקייט פון שמייכל און פון גלעט
ווייל מאָרגן וועט עס זיין שוין בלויז אַ חלום
פון דער איינזאַמקייט אין ווייטן וועג...

ביים פענצטער

אין זומער־אָוונטיקער שעה
ביים פענצטער זענען מיר געשטאַנען
איך און דו.
אין שויב פון דיינע אויגן האָב איך געקוקט:
ס'האָט ווער דעם הימל אויבן
מיט שאָטנדיקע פאָרהאַנגען פאַררוקט.
בין איך געשטאַנען און געזען,

ווי אויפן הימל־בלוי אַרויפגעקראָכן
איז די ערד
און האָט מיט גרודעס מיט שוואַרצע פאַרשיט
די צאַפּלענדיקע זון.

אין שויב פון דיינע אויגן האָב איך געקוקט
אין גלאָז פון דיינע אויגן האָב איך דערבליקט.
ווי פון אַ קוימען־לאָך אַרויסגעקראָכן
איז די נאַכט
און האָט דאָס ליכט אין דיינע אויגן
מיט לאָדנס מיט שוואַרצע פאַרמאַכט.

אין זומער־אָוונטיקער שעה
ביים פענצטער זענען מיר געשטאַנען
איך און דו.
און ווען דער חושך האָט געשחטן שוין דעם טאָג
און מיר זענען געבליבן דאָ אַליין
האָב איך אין דיינע אויגן פּלוצים דערזען...
אַ גליאיקע רויטקייט צעשיינט.
האָסטו געשמייכעלט און געזאָגט,
אַז ס'האָט די זון דיר
א ירושה געלאָזן ביים פאַרגיין.

געטאָ־ליקווידאַציע, סעפט. 1944.

מיר קומען אום...

* די ערשטע סטראָפע געשריבן אין טעג פון דער געטאָ־ליקווידאַציע. ניט באַוויזן עס צו ענדיקן. דאָס דאָזיקע אומפאַרענדיקטע ליד האָט מיך געפייניקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. כ׳האָב עס אזוי פאַרענדיקט אין האַמבורג (קאָנ־צענטראַציע־לאַגער — זאַזעל). אַרויסבאַקומען פון ערגעץ אַ בליי און עס אויפגעשריבן אויפן סופיט, איבער מיין „פריטשע“. איצטער זיך נישט אינ־גאַנצן ריכטיק דערמאָנט. דאָס ליד געווידמעט דעם אומגעקומענעם דיכטער שמחה בונם שאַיעוויטשן, וועלכער האָט זיך אָנשטאָט שמחה בונם, אַליין גערופן בונם בעל־פּיין.



בלעדערמייז פליען פאַרביי פענצטער.
פליגלען פלאַטערן אויס דעם טאַנץ פון געשפענסטער
די זון איז שוין געגאַנגען...
אויף מערב־הימל ליגט צעשלאַבערט איר בעט,
נאָך הייס פון איר לייב.
אויף פורפור־קישנס און צעפליקטע ציכן
ליגט נאָך דער טאָג און דערמאָנט,
באַלד וועט ער אויכעט גיין.

שטייסטו אין שעה פון אימה־געשפּענסטער
אַנטקעגן דיין פענצטער
און ברומסט דיין געבּרום:
— ווער וועט דערמאָנען די זון?
— מיר קומען אום... מיר קומען אום...
נאָמענלאָז פאַרגייט דער טאָג, דער לעצטער.
ס'וועט בלייבן אַ שפּין.

ווער וועט געדענקען דעם טאַטנס לעצטן קרעכץ?
ווער וועט געדענקען דער מאַמענס לעצטן וויי?
מיר קומען אום... מיר קומען אום...
ווער וועט אייביק זען דעם פּחד פון דער שוועסטערס צעפּ
וואָס ווינט צעשליסן האָט ביים לעצטן גיין?
מיר קומען אום... מיר קומען אום...

און ווער וועט צערטלען דעם נאָמען פונעם ווייב?
און ווער וועט אייביק רופן ס'פאַרלוירענע קינד?
מיר קומען אום, מיר קומען אום...
און ווער וועט וויסן אַמאָל ווי עס הייסט
אַט דער, וואָס עס שטייט דאָ ביים פענצטער אַצינד?
מיר קומען אום... מיר קומען אום...
אַז ער אַליין דער לעצטער פון אַ גרויסן שטאַם,
אַז ער אַליין דער לעצטער זינגער, בּונם בעל־פּיין
ער קומט אום, ער קומט אום
און מאָרגן וועט ער אויך שוין מער נישט זיין.

די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע אומגעקומענע לערער:
דעם דיכטער שמחה־בונם שאַיעוויטש און אַרטור זיגלבוים.

עכטן אין וואַלד איז אַ שרפה געווען,
היינט איז דאָס פעלד נאָכן שטורעם.
וואו ס׳האָבן נעכטן ביימער געלעבט,
שטייען נאָר זייערע קברים.

נעכטן אין וואַלד איז אַ שרפה געווען,
היינט איז קיין וואַלד מער פאַראַנען.
היינט גלאָצן סענקעס פאַרסמאַליעט אַרויס
פון נעכטן געוועזענע שטאַמען.

וואו ס׳האבן נעכטן ביימער געלעבט,
צעתפילהט, צעזונגען, צעבלימלט
איז היינט נאָר אַ שווייגנדע, נאַקעטע ערד
און אַ ליידיק־צערונענער הימל.

נאָר אויפן ראַנד פונעם ליידיקן פעלד
על פי נס איז אַ סאָסנע געבליבן.
און גרעזלעך אַ פּאָר האָט אַ שכנישער ווינט
דערהאַלטן מיט אָטעם ביים לעבן.

און גרעזלעך גרינלען זיך, הוידען אין פעלד
און שמייכלען און גלייכן דעם רוקן.
עס איז אַזוי גוט צו דער ליכטיקער זון
מיט גראָזיקע גלידער זיך בוקן!

עס איז אַזוי גוט צו פילן דעם ווינט
און לאָזן זיך פון אים טראָגן,
און גראָזן זאָגן: — מיר האָבן דערלעבט,
נישט אום דעם וואַלד צו באַקלאָגן.

אַ שמעטערלינג פליט, אַ שמעטערלינג קומט.
ווי זיס איז דאָס גראָזיקע לעבן!
אַ פליג און אַ שפּין וועלן נעסטן זיך באַלד
און גראָזיקע שויסן אויסוועבן.

וואָס האָט נאָך צו טון אַן איינזאַמע סאָסנע,
אַ גרינע אַליין ביים וואַלדיקן עק,
ווען ס׳זיינען דעמבעס און ליפּעס און סאָסנעס
מיט אַלע ביימער אַוועק?

וואָס האָט נאָך צו טון אַן איינזאַמע סאָסנע,
אויסער דיביימער דערמאָנען,
און זינגען פון לעבן פון רוישיקן וואַלד,
וואָס איז דאָ ערשט נעכטן געשטאַנען?

וואָס האָט נאָך צו טון אַן איינזאַמע סאָסנע
מיט אַש פון דעמבעס און צווייגן,
אויסער פון דעמבענע לעבנס און סודות
דערציילן? נאָר וועמען דערציילן?

אַז סאָסנעס אַלע, זיי זענען אַוועק
און איינזאַם איר סאָסנעדיק לשון.
און ס׳דרייט זיך אין רויער לופטן איר סוד
און ווערט אין דער לערקייט פאַרלאָשן.

און ס׳טרעפט — אין דער שטילער, ליידיקער נאַכט,
ווען ס׳חלומען גרעזער פון מאָרגן,
שטייט פאַר איר אויף דער נעכטיקער וואַלד
מיט וואַלדיקע פריידן און זאָרגן.

און ס׳דוכט זיך, זי הערט דאָס רוישן פון קרוינען
מיט וואַלדיק־פאַרבענקטע מחשבות.
און ס׳דוכט זיך — זי הערט ווי עס זינגען אין נעסטן
די שפערלעך און שוואַלבן און סאָוועס.

און ס׳דוכט זיך איר אויס, אַז דער טאַטע, דער שטאַם,
וואָס האָט איר דאָס לעבן געגעבן
בויגט זיך איבער איר סאָסנישער קרוין
און דערציילט איר די מעשה פון לעבן.

און ס׳דוכט זיך, זי פילט ווי ער וויקלט איר אויף
די דאַרע, מיידלישע צווייגן.
און זאָגט צו איר :— טאָכטער, צום הימל דערהויב
דיינע אָרעמס, דיין גוף און די אויגן.

און ס׳דוכט זיך, זי הערט, ווי ער לערנט זי אויס
אויף הימל־סאַמעט די שטערן דערקענען.
און ס׳דוכט זיך, ער מאַכט איר די אייביקייט אויף
פון הויכע הימלישע תהומען.

און אַפטמאָל, זי הערט ווי ער זאָגט צו איר מילד:
— אונטן די גראָזן, מיין קליינע,
וואָס וויגן זיך לייכט מיטן אָטעם פון ווינט —
לאָז זון דורך דיין קרוין זיי באַשיינען

— די גראָזן, זיי וויסן קיין הימלישן וועג,
זיי קומען און זיי פאַרגייען.
דו גיב זיי פון דיינע קרוינען דעם שטויב
און דעם אָטעם פון הימלישע בלויען.

— וויל גראָזן אָן סאָסנעס זענען גאָר קליין
קלענער נאָך ווי זיי זיינען.
נאָר סאָסנעס אָן גראָזן קענען גישט זיין,
עס קאָן זיי די ערד נאָך פאַרברענען.

און ס׳דוכט זיך, זי הערט ווי עס רוישט איר דער וואַלד
און דעמבעס שמייכלען פון ווייטן.
אַ חלום געהאַט דאָס לעבן לאַנג,
אַ דעמב מיט די קרוינען דערגרייכן.

אַ דעמב איז געוואַקסן מיט בלעטער אַ ים
מיט תפילות און שטילע באַגערן.
און ס׳האָט געחלומט די סאָסנע פון לאַנג,
זיינע מחשבות דערהערן.

און ס׳האָט געצויגן דאָס דעמבענע ליד
אַהער צו דער סאָסנעס געזאַנגען,
און אָפט ווען דער וואַלד איז געשלאָפן שוין מיד,
האָט שטיל זייער בענקשאַפט געקלונגען.

נאָר דעמב איז געוואַקסן אויף דעמבענעם שטאַם,
די סאָסנע — געוואַקסן אויף אירן.
אויף דעמבענעם וועג איז געגאַנגען דער דעמב,
די סאָסנע — געגאַנגען אויף אירן.

ער האָט די צווייגן, ווי סטרונעס געהאַט
צעוויגטע מיט וואַלדיקן ציטער.
פון אונטן פון דר׳ערד ביז אויבן אַרויף
פאַרהילט אין זיידענע בלעטער

ער האָט דעם אָטעם פון גראָזן געהערט
געוואוסט פון די ווערים, וואָס קריכן.
און זיי׳רע חלומות האָט ער געקאַנט,
און זיי׳רע שטילע באַגערן.

און ער האָט געוואוסט, וואָס די קוסטעס אין וואַלד
זאָגן און וואָס זיי דערציילן,
און ער האָט געוואוסט פון פאַרבאָרגענער זאָרג
אין וואַלדיקע טיפן און היילן.

און ער האָט פאַר גראָזן בײטאָג און בײנאַכט
געברומט זײַן דעמבענעם ניגון.
און ווען ס׳האָט גראָזיקע קעמפּע געלאַכט,
האָט אויך זײַן ליד נישט געשוויגן.

און זי, די סאָסנע איז אַנדערש געווען,
מיט הויך פאַרריסענע צווייגן.
אונטן אויף ערדן גאַרנישט געזען,
נאָר געריסן זיך אויבן און אויבן.

און ווען ס׳וואָלט די סאָסנע קײן סאָסנע געווען
מיט וואָרצלען אין ערד נישט געזעסן,
וואָלט זי געפלויגן צו הימלען אַרויף,
און וואָלט אָן די ערדן פאַרגעסן.

זענען געוואַקסן סאָסנע און דעמב
ווייט אַזוי און דערנעבן.
און האָבן פאַרציטערט צו זיך געבענקט
אויף זייערע בוימיקע וועגן.

און האָבן אַזוי פאַרציטערט געזוכט
צו באַרירן די צווייגן צוזאַמען,
נאָר ס׳האָבן געהאַלטן די סאָסנע און דעמב
זייערע בוימיקע שטאַמען.

און אין דעם וואַלד האָט אַן אַדלער געוואוינט
אַ ווילדער, צעפלאַטערטער פויגל.
אים האָט אויף בערגיקע פעלזן פאַרפעלט
דער אָטעם פאַר פליגלען און לעבן.

אים האָט געצויגן צום היימישן וואַלד,
צו קעמפּעס, צו ביימער און גראָזן...
און כאָטש פון די בערג איז דער אָדלער געווען,
ער האָט דעם וואַלד נישט פאַרלאָזן.

אין טעג און אין נעכט האָט געהערט זיך זיין רוף
ווייט איבער ביימער און צווייגן.
פון וואַלדיקן אָנהייב ביז וואַלדיקן סוף,
איז אָדלער, אַ שטאָלצער געפלויגן.

און אונטן פון ערד איז געגאַנגען ס׳געברום,
אַ זאַפטיק און פריילעך געווימל.
האָבן מוראַשקעס, שפינען געהאַט זייער זון
און די פרייד פון אַ שטיקעלע הימל.

און גראָזן זענען פאַרגאַנגען אין נעכט —
אויף מאָרגן פרישע געקומען.
און בלומען האָבן געבליט און געוועלקט,
און געבלימלט מיט פרישע בלומען.

און וועווריקעס האָבן געהאָפסלט אַרום
מיט זאָרגלאָזע, לופטיקע דאגות,
אַז ס׳שיינט אויף זיי ווייניק די ליכטיקע זון,
און צו נידעריק פליען די פייגל.

און פייגל האָבן באַזונגען די פרייד
פון זייערע נעסטיקע דעכער,
און זיינען געפלויגן פון צווייגל אויף צווייג
„הויך און אויב נישט נאָך העכער״.

און אונטן דערווייל איז געפלאָסן זיך שטיל
אַ קוועלכל אויף גלאָזיקן שפּיגל.
געטראָגן מיט זיך די נשמה פון וואַלד,
און ס׳געברום פון וואַלדיקן ניגון.

האָבן גראָזן זיך יונגע געצוואָגן אין אים,
און זוניקע צווייגן אים נעצן געשפּונען.
האָבן נאָדלען און בלעטער געשיפּלט אין אים,
און צו פעלדער, צו ווייטע געשוואומען.

ווייל העט, צו דער וועלט איז געלאָפן דער קוואַל
אַרויס פון וואַלדיקע היילן.
ער האָט די מעשה פון היימישן וואַלד
דעם ים געמוזט איבערדערציילן.

אַזוי איז געשטאַנען דער רוישיקער וואַלד
דורך זוניקע טעג און ווינטיקע שנייען
אַ שטורעם פלעגט קומען, אַ שטורעם פלעגט גיין,
דער וואַלד פלעגט זיך ווידער באַנייען.

פון וואָרצלען פון טיפע געפלאָסן איז זאַפט,
דורך מעך און דורך גליווער און שימל.
אזוי איז געגאַנגען דער אָטעם פון ערד
ארויף דורך די ביימער צום הימל.

נאָר נעכטן ביינאַכט איז אַ שרפה געווען
אין וואַלד דעם צעוויגטן מיט לעבן.
און אומקום פון אַלע וועלטן געבראַכט
פון אלע ימים און וועגן.

און האָזן און הירשן, וואָס האָבן צום פעלד
געוואָלט מיט די קליינע אַנטלויפן,
האָבן ברענענדע רינגען דעם וועג זיי פאַרשטעלט,
און פעטליעס אויף העלדזער פאַרצויגן.

און פייגל, וואָס האָבן געטרילעט פון פרי
און היימישע נעסטן באַזונגען,
האָבן פלאַמען די פליגלען צעשפּרייטע אין פלי
ווי פאַקעלן אונטערגעצונדן.

און דאָן איז די שרפה מיט יובל אַוועק
צו וואַלדיקע, הייליקע טיפן
געקוילעט דאָס קוועלכל מיט שרפה'קע העק
און אין פלאַמען זיין וואַסער פאַרטריקנט.

און איינזאַם איז פּלוצלינג געוואָרן דער וואַלד
דורך אַלע וועלטן פאַרגעסן.
און זיינע גירלאַנדעס זיינען אויף ערדן
געלעגן פאַרשטייפט און צעריסן.

און הויך האָט געקרעכצט דער איינזאַמער וואַלד,
פאַריאושטע צווייגן געבראָכן.
ווען פלאַמיקע צונגען זענען אַרויף
צו דעמבעס און סאָסנעס פאַרקראָכן.

האָבן דעמבענע גופים און סאָסנישע שטאַמען
געלייגט זיי'רע קעפּ אויפן אַש פון די גראָזן.
און זיינען מיט גראָזן פאַרגאַנגען צוזאַמען,
ווי זיי האָבן געלעבט מיט די גראָזן.

און יענער, דער אָדלער פון היימישן וואַלד,
וואָס ווינט האָט אויף פעלדער פאַרטריבן
האָט געזען ווי ס׳פאַרגייט אין פלאַמען זיין וואַלד,
און פאַרשטאַנען, וואָס איז אים געבליבן.

ער האָט זיך די פליגלען צעבראָכן אַליין,
אַליין זיך צעשמעטערט דעם שאַרבן,
און שטיל נור געפּרעפּלט: ווען וועלדער ברענען,
מוזן אָדלערס די שטאָלצע שטאַרבן.

און הימל און ערד זיינען שרפה געוואָרן,
געביסן פון פלאַמיקע צונגען.
ס׳האָט פייער מיט אומקום — פאַרסמאַליעטע ציין
דעם וואַלד און זיין ניגון פאַרשלונגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

נעכטן אין וואַלד איז אַ שרפה געווען,
היינט איז אַ פעלד נאָכן שטורעם.
וואו ס׳האָבן נעכטןביימער געלעבט,
שטייען נאָר זייערע קברים.

און ביי דעם ראַנד פונעם נעכטיקן וואַלד
שטייט נאָר אַ סאָסנע אַ מידע,
חלומט, אַז ס׳לעבט נאָך דער בוימיקער שטאַם
און וועקט זיך אלע מאָל איבער.

וואָס האָט נאָך צו טון אַן איינזאַמע סאָסנע,
אַז נישט נאָר ווידער דערמאָנען,
און שמועסן שטיל מיטן היימישן וואַלד,
ווי ער וואָלט דאָ דערנעבן געשטאַנען?

נאַר אַפּטמאָל, זי בעט זיך, — לאָזט מיך צורו,
איר ביימער פון נעכטיקן לעבן,
לאָזט מיך זיין ווי דאָס גרעזל, די בלום,
אויב ס׳זענען מיר טעג נאָך געגעבן.

אין אויפגאַנג נאָך דער שרפהקער נאַכט,
לאָזט מיך צעוויגן די צווייגן,
אויף ווינט פונעם נייעם, געבוירענעם טאָג
לאָזט מיך צו רחבות אויפשטייגן.

און זאָל אויף מיר פאַלן דער פייכטער טוי
ווי די זריעה פון צייטיקן לעבן.
און זאָל פון מיר פאַלן דער אַש און דער שטויב,
וואָס איר האָט מיר ביז היינט מיטגעגעבן.

קום מער נישט צו־חלום, דו וואַלדיקער דעמב
מיט דיין אַלטן, דעמבענעם ניגון.
און רוף נישט צו מיר: — דו סאָסנע, געדענק!
דערצו ביסטו לעבן געבליבן!!!

און פייניק מיך נישט אין די זאַפּטיקע נעכט,
אַז נאָמענלאָז ביסטו פאַרגאַנגען,
אַז קיינער טראָגט נישט דיין בענקשאַפט אין הארץ,
און ס׳וועט קיינער דיין ניגון נישט זינגען.

לאָז מיך צורו, דו פאַרגאַנגענע פּיין
און לאָז מיך זיין ווי דאָס גרעזל.
לאָזט מיך אָטעמען, גיט מיר די פרייד,
זאָל זינגען מיין בלוט, וואָס עס ריזלט.

כ׳וויל האָבן אַ נייעם פאַרשיכורטן גאָט,
און אַפריידיקן שוואונג אין די גלידער,
כ׳וויל האָבן אַ נייעם פאַרכישופטן סוד
און נייע, צעפּידלטע לידער!

לאָזט מיך וואַרטן, ס׳זאָל קומען די בין,
אַ בינשטאַק און צווייגן זיך בויען.
זאָל טריפן האָניק אויף סאָסנישן גוף
דורך נעכט ביזן אויפגאַנג דעם גרויען.

דער טאָג, וואָס פאַרגייט, און דער נייער, וואָס קומט,
איז זאַפטיק און קוואַליק מיט לעבן,
לאָזט מיך אַ וויג טאָן, לאָזט מיך אַ ריס טאָן,
לאָזט מיך אויפסניי זיך דערהויבן! —

און דעמאָלט טרעפט, ווען די סאָסנע פאַרמאַכט
מיט תפילה די קרוין פון די צווייגן,
קומט ווידער דער וואַלד פון נעכטן צוריק
און קוקט אויף איר אין זיין שווייגן.

און דעמאָלט טרעפט, אַז עס שאַרן פאַרביי
די ביימער אין שוויגנדע רייען,
און דאַמאָלט קומט דער אָדלער אויפסניי
אויף צעבראָכענע פליגלען צו פליען...

און ווידער רופט זי דער נעכטיקער וואַלד
מיט אַן עכאָ פון בוימיקע שטימען:
— שוועסטער סאָסנע, שוועסטער, דערמאָן!
מיר קומען צו דיר...! מיר קומען...!

— דו מוזט דעם וואַלד דיר טראָגן אין קרוין
אונדזער אַש און די גרינע צווייגן,
אונדזער ליד מוזטו ברומען, כאָטש דו ביסט אַליין,
און אויפמאַכן מוזטו דיין שווייגן.

און דאַמאָלט קומט צו דער סאָסנע צו גיין
דער אַלטער שטאָם פון איר פאָטער.
און דוכט זיך, זי פילט אויפן רוקן אַ צווייג
און דוכט זיך, ער פליסטערט איר: — טאָכטער.

לאָז זיי, די גראָזן, זיי גרייטן דעם זאַפט,
חרובע ערד זאָל אים זייגן...
האָסטו דען אַ וועג אַ צווייטן, מיין קינד?
דו ביסט אַ סאָסנע געבוירן.

ס'וועט קומען אַ טאָג, דו סאָסנעלע מיין,
ס'וועט מאָרגן אַ וואַלד דאָ זיין ווידער,
דאַן וועסטו טרייסלען פון זיך אונדזער אַש
אויף קעפּ פון די ביימער די גרינע.

ס'וועט אויפגיין אַ וואַלד אויף חרובער ערד,
ס'וועלן דעמבעס און סאָסנעס קומען,
זאָל פאַלן אויף זיי אונדזער אַש, אונדזער שטויב
ווי פּילע און הייליקע זאָמען...

בריסל, פעברואר 1946.

ממעמקים

צו די חורבות פון לאָדזשער געטאָ.

דאָס ליד געשריבן געוואָרן נאָך איידער כ'האָב געוואוסט אַז מען האָט אין לאָדזש אויף אַ באַלוטער מיסטקאַסטן געפונען צוויי לידער פונעם דיכטער שאַיעוויטש. זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע א. נ. „לך־לך“.



פֿון די טיפענישן רוף איך דיך,
ליד פון פאַרשניטענער היים...

דאָרט צווישן צעפוילטע פלויטן און בלינדע לעכער
זוכסטו דיין אייגענעם שפור,
ווי אַ פאַרבלאָנקעטער הונט.
און הוידעסט זיך אויף ברעטער פון צעשיטע דעכער,
ווי אויף אַשיקן געוועב פון איר דור —
אַן איינזאַמע שפין.

דאָרט וויינסטו אַריין אין אַ פֿאַרטרוקנטן ברונעם,
ווי אויף אַ מאַמעס טויטער ברוסט —
אַ לעכצנדיק קינד.
און יאָמערסט אַרויס פֿון אַ צעפֿאַלענעם קוימען
אַזוי קלאָגעדיק און וויסט,
ווי אַ בית־עולמדיקער ווינט.

דאָרט קלימפּערסטו אין נאַקעט־צעשפּאָלטענע שויבן.
ווי אין אומקום־געציטער —
אַ האַרבסטיקע פֿליג.

און הוידעסט זיך מיט גראָז אויף חרובע שטיינער.
ווי די נשמה איבער אַ קבר
— — — — — — — — — — — — — — — —
ווי די שכינה איבער אַ וויג.

דו הייליק ליד פֿון חרובער היים
דאָרט וואָגלסטו דורך גאַסן וויסט און נאַקעט
און רופֿסט פֿון יעדער שמאַטע, יעדער שטיין
דיין שטום גערוף פֿון ממעמקים.

אָט זע איך דיך דאָרט אויף מלינאַרסקע, מאַרישינער
ווי דאַרסט מיט אַ דאָרן אין טרוקענער ערד.
אַמאָל ביסטו דאָרט אויפֿגעגאַנגען מיט דער באָטווינע, *
וואָס האָט זיך רויט געגרינט פֿאַר יעדער שוועל.

---

* אין געטאָ האָט כמעט יעדער געהאַט אַ בייט ערד, וועלכן ער האָט באַאַרבעט. די פּרוכטן פֿון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מער געגעבן דער נשמה ווי דעם לייב.

און אויפגעגאַנגען איז דאָרט ציטריק דינע ציבעלע,
און קאַרטאָפל־בייטן האָבן שמייכלענדיק געבליט,
און ווילד־גראָז האָט גערייניקט דאָרט אַ געטאָ־יידענע
און מיט אַ קענדל וואַסער האָט געשפּאַנט אַ געטאָ־ייד.

און פייגל האָבן קיינמאָל שענער נישט געזונגען,
ווי דאָרטן אויף אַ דאַרער צווייג.
ס׳איז קיינמאָל האָפנונג אַזוי גרין נישט אויפגעגאַנגען,
ווי אויף אַ הויקערדיקער געטאָ־בייט.

און כאָטש געהאָנגען איז דער הימל אויבן,
ארומגעצוימט מיט קאָלבעס און מיט זשאַווער־דראָט,
דאָך האָט אין ערגעץ אַזאַ טעם געהאָט דאָס לעבן
און פאַר קיינעם אַזוי נאָנט געווען איז גאָט.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָרט האָסטו זיך געשפּינט אין שאָטנדיקן פייפער־געסל,
וואו ס׳האָבן אין פאַרנאַכטן זומערדיקע, לינדע
געשפּילט אין „בלינץ׳׳ מיט מלאך־המות
די לעצטע יידישע קינדער.

און האָבן „סטרולקעס׳׳ ווי דעם גורל געוואָרפן
אויף הילצערנע שטיגן, צי אויף אַ פענצטער.
און האָבן אין „יאַג׳׳ געשפּילט מיט אייגענע שאָטנס
און מיט נאַכטיקע אימה־געשפּענסטער.

דאָרט האָבן מיטן לעצטן אָטעם חושכדיקע מאַמעס
דאָס פייער אויף היימישע קיכן צעבלאָזן

און האָבן „קאַווע־פּלעצלעך״ שוואַרצע געפּרעגלט *
און טראָפּנס אייל מיט קוואַלן טרערן אונטערגעגאָסן.

און טאַטעס האָבן מיט ציטריקע פינגער
חלקים ברויט אויף אַ שטריקל־וואָג געוואויגן,
און פלעגן אַ שניצעלע ´דערלאַנגען צו די קינדער
און תאווהדיק עס פלעגן צאַפּלען זיי׳רע הונגעריקע אויגן...

ס׳איז קיינמאָל אַזוי זיס נאָך נישט געווען דער ביסן,
ווי דאָרטן ביי דעם געטאָ־טיש,
ווען ס׳פלעגט אַ מאַמע פאַרעדיקע וואַסער־זופּ צוגיסן
און לעפל האָבן יום־טובדיק און טעלער זיך צעמישט

אַון קיינמאָל האָבן ווענט געשיינט נאָך אַזוי ליכטיק,
ווי אונטער שוואַרצע פענצטער פון דער היים,
ווי ביי דעם לעצטן מאָלצייט, אין דער שעה דער לעצטער,
ווי ביי די לעצטע משפּחהדיקע רייד.

— — — — — — — — — — — — — — —

האָסטו געשפּינט זיך דאָרטן אויף מאַסאַרסקע —
אין אַזאַ שטילן בין־השמשותדיקן שבת,
ווען ס׳זענען מיט פאַרמעט־פּנימער אַנטקעגן הימל געזעסן
די לעצטע שוויַיגנדיקע יידישע באָבעס.

---

* אין געטאָ איז געווען אַן ערזאַץ־קאַווע, וועלכע איז געווען לייכטער צו באַ־
קומען ווי עפּעס אַנדערש. דעריבער האָט מען פון דער „קאַווע״ געמאַכט
פאַרשידענע מאכלים און אַפילו זופּן געקאָכטע. די דאָזיקע „עסנס״ האָבן
צייטווייליק פאַרשטאָפּט דעם הונגער און דערביי צעלעכערט דעם מאָגן.

און זיידעס, די לעצטע, מיט באָרד און פּאות,
פאַרוויקלט אין אַלטע צעריסענע זאַקן, *
האָבן תהלים־פּסוקים איילנדיק אַזוי געפּרעפּלט,
אַז זיי וועלן נישט באַוויזן, ווי זיי האַלטן זיך געשראָקן.

און אין שטומע יום־כּפּור־פאַרנאַכטן
ביסטו אויפגעגאַנגען מיט כּל־נדרידיקן ניגון,
מיטן געיאָמער אונטער לאָדנס פאַרמאַכטע
פון לעצטן מנין שמע־ישראל יידן.

און קיינמאָל האָט אַ לעבן אַזוי נאָך נישט געצאַרנט,
און קיינמאָל האָט אַ גבור אַזוי נאָך נישט געהוואויעט,
און קיינמאָל האָט אַ תּפילה אַזוי נאָך נישט געבעטלט
און קיינמאָל האָט אַ בעטלער אַזוי נאָך נישט געשנאָרעט

— — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָסטו געוועבט זיך טעג און יאָרן
איבער אַ פּרעס־אייזן, איבער אַ זעג.
איז דיין ליבע און דיין שנאה אויפגעשוואָלן
און תּהומיק טיף געווען דיין גלויבן און דיין שרעק.

און האָסט געשפּינט זיך מיטן שניידערישן זמר:
„ווען אונדזער אָרעם שטעטל ברענט...״
און טרערנדיק אַזוי דו האָסט אַראָפּגערונען
פון ליפּן איבער ביינערדיקע הענט.

---

* די גאָר פרומע יידן האָבן טראָץ דעם פאַרבאָט נישט אַראָפּגענומען באָרד און פּיאות, זיי זיינען שטענדיק געגאַנגען אַרומגעהילט מיט אַלטע טיכער און זאַקן אַרום פּנים.

נאָר אַפּטמאָל האָסטו זיך פאַרצויגן העכער
און האָסטו זיך מיט מאַשינען־רויש צעקלונגען,
ווען ס׳האָבן יונגע זין און טעכטער
זיך יובלדיק מיט אינטערנאַציאָנאַל צעזונגען.

און ס׳האָבן פויסטן זיך צו דראָטן אָנגעצויגן
און שמשון האָט אין אויגן זיך צעפייערט,
נאָר שמשון איינעם געטאָ איז אָן האָר געוועזן...
אָן איין גראַנאַט, און אָן איין „שפּייער״.

און ס׳ענען הענט נאָך קיינמאָל אַזוי נאַקעט
נאָך קיינמאָל אַזוי נעבעכדיק געוועזן,
ווי דאַן ווען ס׳פּלעגן יענע יונגע פינגער
ווידער פּאַקן אויפן זעג און אויפן אייזן.

און קיינמאָל זענען הימלען געוועזן אַזוי חושך,
און קיינמאָל וועלטן אַזוי טויזנטפאַך פאַרשלאָסן,
און קיינמאָל איז אַ פאַלק אין זיין תפילה דער לעצטער
נישט געווען אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דו הייליק ליד פון חרובער היים.
אויף זשאַוור־דראָט געקרייציקטער דו, ניגון שטומער,
דו גוף צו הונדערט מאָל הונדערט געשענדעט,
דו צו טויזנט מאָל טויזנט — געלייטערטע נשמה.

דאָרט הענגסטו איצט אויף סקריפּענדיקע דעכער,
ווי אויף די מאַסטן פון אַ דערטרונקענער שיף,
און רופסט צו הימלען בלוי אַזוי צעעפנט
פון די דערטרונקענע דעם ממעמקים־רוף.

און היינט גייט ווי דעמאָלט אונטער די זון
אונטער פעלדער, אונטער מאַרישין, *
און דו טוליעסט זיך היינט, ווי נ'אָ זעגל פאַרשפּינט
אין אַ צעריסענער, אַלטער גאָרדין.

און פלאַטערסט אין ווייסן אַשיקן שטויב
אַרויס פון בלינדע, אַנשויביקע פענצטער
ווי אַ חלום אַ ווייסער, ווי אַ שלומדיקע טויב
איבער אַ שטאָט פון טויטע געשפּענסטער.

און צעוויאַנעסט דיין ווייסקייט איבער אַלע גאַסן
און הענגסט זיך אָן אָן יעדער ראָג,
ווי זי וואָלט אַ שטריק, אַ צעקנופּטע געוועזן
פון אַ שטומען דערטרונקענעם גלאָק.

און שלעפּסט דיין שנור פון פאַרשוויגענעם ניגון
אַרויף, אַרויף צו דער געטאָ־בריק. **
און ווי אויף קלאַווישן — צעבראָכענע שטיגן
באַמבלען דיינע צעריסענע שטריק.

---

* מאַרישין. אַ הינטערשטאָטיש־דערפל. איינגעגלידערט אין געטאָ. דאָרט האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר גראָזיקע פעלדער. זומער פלעגן אין די כאַטקעס דאָרט וואוינען די געטאָ־מושלים אויף דאַטשע. דאָרט איז געווען דער אַלטער יידישער בית־עולם, דערנעבן די באַן־ליניע וועלכע האָט אָוועקגעפירט טויזנ־טער צו פאַרניכטונג.
** דאָס געטאָ איז געווען איינגעטיילט אין דריי קוואַרטאַלן, באַזונדער אַרומ־געצוימטע מיט דראָט, צווישן די קוואַרטאַלן, אינמיטן וועג זיינען געפאָרן שטאָטישע טראַמווייען, אויטאָס, פורן, געבראַכט די איינציקע גרוסן פון דרויסן. איין טייל פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיטן אַנדערן דורך אַ הילצערנער בריק.

און שפּעטער ציסטו זיך און טראַגסט זיך העכער,
ביז צום קירכע־שפּיץ אויף אַלטן מאַרק,
און שלייערסט אום אַלע מצבֿהדיקע דעכער
מיט ווייסן שטויב פֿון דיין געזאַנג.

און איבעראַל עס שוועבט דיין אַש, דיין אָטעם
און קייטלסט זיך מיט אים דורך אַלע טירן,
ביז פֿון אַלע לעכער קומען אָן די שאָטנס
און פֿירן דיך אויף דיינע נאַכט־שפּאַצירן.

און ווידער קומסטו אויף לאַטניטשע־געסל
דאָרט שטייט אַ הייזל מיט לאָדנס האַלב אָפֿן,
דאָרט האָט אַ מיידעלע אַמאָל אלף־בית געלערנט
און אַ טאַטע האָט זי בלימעלע* גערופֿן.

און ס׳שטייט נאָך אַלץ דאָרט אונטערן פֿענצטער
דאָס ליידיקע וויגעלע פֿון איר ליאַלקע,
און צעשלאָבערט אויף אים, מיט אַרבל צעוואָרפֿן
ליגט דאָרט איר טאַטנס מאַרינאַרקע.

דאָרט וועבסטו זיך אַריין אין שווייגנדיקן וויגל
און דעקסט זיך מיט די פֿאַלעס ביידע איבער,
און שטומסט, ביז נאַכט מיט שוואַרצע טיכער
קריכט אַרויס פֿון אַלע גריבער.

---

*אַזוי האָט געהייסן דאָס טעכטערל פֿונעם אומגעקומענעם געטאָ־דיכטער ש. ב. שאַיעוויטש.

ס׳איז נאַכט שוין לאַנג פאַר טויטער בלימעלעך
און נאַכט פאַר איר טאַטן, דעם טויטן,
נור נישט פאַר דיר, דו הייליקער ניגון,
דו ווערסט אין דער וויג ערשט געבוירן.

גייסט אויף פון אַ שטיקל פאַרשימלט פאַפּיר
אין טאַטנס קעשענע פאַרבליבן,
גייסט אויף פון אַ לאַנג שוין פאַרטרוקענטער טרער
צווישן שורות פאַרמעקט און צעריבן.

און פול ווערט דיין אַשיקע ווייסקייט מיט גוף
און רויט ווערט די נאַכט יענע וויסטע;
גייסט אויף מיטן ממעמקים גערוף
פון טויטן געטאָ־דיכטער.

און דו גייסט אויף מיט פרייד,
און דו גייסט אויף מיט ליבע,
און גייסט אַרויס פון שטויב
און שטייגסט אַריבער גריבער.

און דו צעוויגסט די ערד
מיט דיין געציטער,
און דו צעברעכסט די שווערד
פון אַלע אַלטע געטער.

און פירסט די מידע ערד
אַרויס פון אַלטן מדבר,
און לייענסט פון אַלע בערג
די נייע עשרת הדברות.

און מיט דיין יעדן קרעכץ ציטערן דורות,
און ס׳גליט דיין יעדער טרער אויף זייערע באַקן;
אַט שטייען זיי אַליין אויף שייטער פייער
און רופן דיין גערוף פון ממעמקים.

— — — — — — — — — — — — — — —

דו אָפענער ניגון באַפרייטער
דו הייליק געשענדעטע ליד.
טראָג זיך ווי די נשמה איבער אַ קבר
גיי אויף ווי די שכינה איבער אַ וויג.

נישט די לעצטע זיינען זיי געוועזן
און נישט אויף אייביק זיינען זיי פאַרגאַנגען.
אין אונדזער זיין וועלן זיי לעבן
און אויפגיין אין אונדזערע געזאַנגען.

פון יענעם כתב, פון יענעם ציטער,
פון יענער טרער אויף שימלענדיק פאַפיר —
עס פירט דיין הויך און יעדער אָטעם
דער ניגון־ווינט אַהער צו מיר.

טאָ רוף איך דיך פון טיפענישן, דו מיין ליד
גיי אויף פון זייער אַש און זייערע ביינער;
קום אַריין אין מיין יונגען, צעפיבערטן גוף
מיט זייערע נישט דערחלומטע בענקשאַפטן און נישט
דעריאָמערטע געוויינען.

און אייביק זײ אין מײַן יעדן טאָג,
און הייליק אין מײַן יעדער שורה.
גײ אויף אין מײַן יום־טובדיקן בלוט
מיט גרינגער האָפֿנונג און מיט גבורה.

בריסל, סעפּטעמבער 1946.

טאַטע

כ׳בין היינט אויפגעשטאַנען אינדערפרי
מיטן טעם פון דיין נאָמען אויף די ליפּן.
כ׳האָב דערפילט דאָס וואָרט,
און דעם גלי פונעם ליד.
כ׳האָב פאַרשטאַנען: שוין געגוג,
איצט איז צייט צו פאַרלעשן
די סייווי טויטע זון פון מיין טאָג
און די צאַפּלענדיקע פרייד,
פאַרסמען מיט מיין קלאָג.

טאַטע,
כ׳בין היינט אויפגעשטאַנען אינעם מאָרגן
מיט אויסגערוטע בליקן צו דעם טאָג,
אין האַרצן ערגעץ ווידער שוין פאַרבאָרגן
אַ נייער, אויפגעבליטער סוד,
ביסטו געקומען מיט דיין שאָטן
אַנטקעגן צו מיין זון־באַגאָלדט געזיכט
און האָסט גערופן מיט די טריבע, גוטע אויגן:
— טאַכטער, גיב מיר אָפּ מיין ליכט!
האָסטו ארויסגעריסן אַלע ביימער
און די גראָזן אונטער מיינע טריט,
האָסט צעטריפט אויף אַלע שטיינער
גליווער פון דיין טויטן בלוט,
טאַטע.
הייסע זענען מיינע נעכט, און טיפע;
טיף, ווי ס׳ציטער פון מיין יונגן לייב,
האָסטו פאַרשניטן מיר ס׳געזאַנג פון לעבן
און אָנגעבראַכט ס׳געזאַנג פון טויט.

און כאָטש ס׳איז זיס דאָס ברויט, וואָס כ׳קיי,
דאָך ווערגסטו מיך אין יעדן ביסן.
דו בייסט זיך איין מיט הונגער אין מיין פרייד,
דו בייסט זיך איין אין יעדן מיין פאַרגעסן.

נור האָב קיין מורא, ס׳איז דער סם
מיר זיסער ווי דער יום־טוב־האָניק,
איך ציטער איבער אים און זויג
די טראָפּנס פון דערמאָנען.

נור האָב קיין מורא, כאָטש ס׳טוט ווײ,
ווען קומסט און פּויקסט מיר אינעם האַרצן, —
דאָך הייליק־זיס איז יעדער פּיין,
כאָטש איינגעהילט איז זי אין שוואַרצן.

ווייל סיזוי ווייס איך, טאַטע,
וואו כ׳זאָל היינט נישט שפּאַנען,
איז עס דער עולה־רגל־וועג צו דיר.
פונוואַנען ס׳זאָלן מיינע טריט נישט קומען,
קומען זיי פון דיר, פו דיר...

אין אַלע קופּטן הויכט דיין אָטעם,
אין אַלע ערדן רוט דיין הייליק לייב,
אין אַלע טעג און נעכט גייט אויף דיין שאָטן
און שטויבט מיט אומעט אויף מיין פרייד.

כ׳וועל קיינמאָל קלאָג־לידער נישט זינגען אויף דיין קבר.
ס׳וועט קבר דיינס מיר זיין דער איבעראַל.
און ווייל כ׳ווייס ניט וואו ס׳ליגט דיין געביין און אבר,
וועל איך באַוויינען יעדער באַרג און טאָל.

און כאָטש כ׳וועל מער קיינמאָל דיינע פינגער,
נישט פילן אויף מיין הייסן מיידל־קאָפּ!
און דו וועסט מער מיט ווערטער שטילע
נישט אויפמאַכן דעם וועג צו גאָט.

דאָך וועל איך, טאַטע, מיט דיר שפּאַנען,
דיין ניגון וועט מיר ברומען אין באַגלייט.

און אויב כ'וועל הייליקייטן ערגעץ וואו געפינען,
וועלן מיך ברענגען צו זיי דיינע טאַטע־רייד.

בריסל, דעצעמבער 1945.

* * *

אַזוי שטיל שווימט דער וואָלקן איבער מיין קאָפּ,
און שטיל איז די ערד,
פון צווייגן פאַלט בליעכץ אין מייאיקן סאָד,
און פאַרוועלקט.
אַ מאַמע רופט אירע קינדער אַהיים
פון טויאיקן פעלד.
בין־השמשות וויקלט אין נעפּלען שוין איין
די פּעלזיקע בערג.

איך שטיי צווישן הימל און נאַכטיקער ערד
און איך שווייג.
און עס רופט נאָך צוריק מיך דער יאָמער,
וואָס כ׳האָב נישט דערוויינט,
און הייס נאָך דאָס ליכט אין מיין אויג,
וואָס האָט נישט דערברענט,
און ס׳ציטערן שטיל מיינע נאָך נישט
דערצערטלטע הענט.
שטיי איך אַזוי צווישן הימל און נאַכטיקער ערד
מיט מיין טאָג
און ס׳רופט מיך דאָס אָפענע ליד,
וואָס כ׳האָב נישט דערזאָגט.



טעג...

(פראַגמענטן פון אַ טאָג־בוך)

בערגן בעלזן, 6 מיי, 1945

וואו ביסטו טאַטע? וואו ביסטו טאַטע?

היינט איז דאָס ערשטע מאָל ווי איך נעם די בליי אין האַנט. עס ציטערן מיינע פינגער איבערן ווייסן פּאַפּיר. וואו איז דיין וואַרעמע, זיכערע, האַנט וואָס זאָל ארומנעמען מיינע פיבערדיקע פינגער און עפענען פאַר זיי אויפסניי דעם סוד פון אונדזער הייליקן אידישן אלף־בית?

אַזוי ווי אַמאָל, ווען כ׳בין געווען אַ קינד. דיינע ברייטע אָרעמס האָבן אונטערגעשפּאַרט מיין קאָפּ, דיין וואַרעמער אָטעם האָט גע־צערטלט מיינע באַקן. דו האָסט געפירט מיין האַנט איבער ווייסע, זויבערע שורות. „טאַטע" האָבן מיר געשריבן און ס׳איז אויפ־געגאַנגען אַ ליכט פון די פיר קליינע אותיות, ביז דאָס וואָרט האָט נשמה באַקומען. ביז כ׳האָב אין אים דיין שמייכל דערזען. „טאַטע".

איך זיץ ביים פענצטער. אַ גרויסער בוים שטייט אינדרויסן. זיינע צווייגן גרייכן צו אונדז אויפן צווייטן שטאָק און נאָך העכער. ס׳איז אַ קאַשטאַן־בוים. ער איז גרין מיט דער לויטערער גרינקייט פון פרילינג. ער בליט. אַזוי פילביימער געזען שוין... אַזויפיל גרינע ביימער... ס׳איז דער ערשטער בוים, וואָס איך זע. איך וויל שרייבן: „גרינער בוים", נאָר ער האָט בלעטער ווי פינגער. מילדע, גוטע, צערטלענדיקע. דיינע פינגער...

און איבערן בוים הענגט דער הימל. אין זיין צעשוואומענער שיינקייט פלעגט אַמאָל זעגלען דאָס שיפל פון מיינע לויטערע, קינדישע חלומות. אין זיין פאַרמאַכטער פינצטערניש, צעהאַנגען איבער שטעכל־דראָטן, פלעגט שפּעטער זיך תהומיק פארלירן די לעצטע האָפנונג פון מיין מידן האַרץ.

און היינט זע איך דעם הימל. ערשט היינט. ער איז לויטער,

בלוי... מסתמא איז עס אַ געווײנלעכער, פּשוטער בלויער הימל, וואָס מען דאַרף אים שוין גאָרנישט באַמערקן. פאַר מיר איז עס דער ערשטער. ווי אַמאָל בײַ דעם ערשטן מענטשן, וועלכער האָט פּלוצים גאָט דערזען און געפאַלן זיך בוקן צום בלויען תהום, צו דער שײנקייט איבער זײַן קאָפּ. איך וויל שרײַבן: „ווי שען ביסטו, בלויער הימל", נאָר עס שווימען מיר אַנטקעגן דײַנע אויגן די קלאָרע... איך פּיל דײַנע ברכות און דײַנע טרוימען, דײַנע שמייכלען און בענקענישן, וואָס האָבן אומגעהויכט מײַן קאָפּ, ווי בלויע לויטערקייט.

אונטן, קעגנאיבער מײַן פענצטער איז אַ געפילדער. ס'איז גאָרנישט. מען טיילט זופּן. יעדער וועט באַקומען. דער אומרו פון די מענטשן איז נישט דער הײַנטיקער. ער איז נאָך פון נעכטן. זיי ווייסן אַלע, אַז קיינער וועט נישט אַוועקגיין אָן אַ ביסל זופּ. אַז נישט דאָ, וועט זײַן בײַ אַן אַנדער פענצטערל. און דאָך וויל מען וואָס שנעלער צוקומען. כאַפּן דעם טאָפּ מיט זופּ און אַ מיש טאָן מיטן לעפל...

אָט שטייט אַ מאַן קעגנאיבער מײַן פענצטער. ערשט זיך אַרויסבאַקומען פון מענטשן־קנויל מיט אַ טעפּל זופּ. ער גייט נישט צו זיך אין צימער. ער זעצט זיך נישט בײַ קיין טיש. אַנגעשפּאַרט אונטערן מויער, זופּט ער אין איילעניש פון טאָפּ. אַ „ווי ער איז הונגעריק! פון יאָרן שוין. און זײַן פיבער איז אויך דער פיבער פון יאָרן. ער איז אויסגעדאַרט; אַ שווערער כאַלאַט הענגט אַראָפּ פון זײַנע אַקסלען און גרייכט אים כמעט ביז די קנעכל. צווישן איין זופּ און אַנדערן ווישט ער מיטן אַראָפּהענגענדיקן אַרבל דאָס פּנים. ער איז דעריאַכמעט. נאָר אַזוי פריידיק. איך זע זײַנע בליקן, וואָס טאַנצן נחתדיק פון טעפּל צו אַלעם, וואָס רינגלט אים אַרום. די בליקן — זיי מאַכן קאָזשלקעס איבערן גראָז וואָס שפּראָצט אונטערן הויז. זיי שפּרינגען איבערן קאַשטאַנבוים נעבן מײַן פענצטער. יומטובדיק, לעבעדיק. וואָס טראַכט ער, דער מענטש, דער ייִד, דער אויסגעמוטשעטער, דער אויסגעמאַרכטער? ער טראַכט איצט מסתמא גאָרנישט. און דאָך ווייס איך, זײַנע גלידער ווייסן עס אויך, זײַן גוף ווייס עס אויך; עס וועט באַלד אַראָפּגעשליידערט

ווערן דער שוואַרצער כאַלאַט, באַלד וועט אָנוואַקסן פלייש אויף די ביינער. דאָס לעבן איז דאָ.

איך פאַרזשמורע די אויגן, איך רוק אָפּ בכיון פון זיך די גאָענטקייט פון דעם מאָן אַנטקעגן מיין הויז. און אָט זע איך דיך... דאָס ביסטו... דאָס גייט אויף דער כּח אין דיינע גלידער... דו לעבסט... אפשר שטייסטו איצט ערגעץ אַזוי אַנגעלענט אָן אַ מויער און עסט דיין מיטאָג? איז עס מעגלעך? איך פרעג מיין האַרץ. עס פיבערט אין אומזיכערקייט...

7־טער מאַי.

וואוהין איך זאָל נישט אויפהייבן מיינע בליקן, זע איך דיך. פון וואָס איך זאָל נישט אָנהייבן טראַכטן קום איך צו דיר. וואו ביסטו טאַטע? וועל איך קענען אַמאָל ארומנעמען דיין קאָפּ און בעטן דיך; זיי מוחל. איך האָב אזוי ווייניק גוטסקייט דיר געשאָנ־קען אין די צעהיצטע טעג פון מיין פאַרגאַנגענעם זיין. אַזוי זעלטן דערציילט דיר פון דעם וואָס פילט מיך אויס. דו ביסט געווען דורשטיק אויף מיין יעדער וואָרט און איך האָב עס דיר געקאַרגט. וואו ביסטו טאַטע, כ׳זאָל דיר אַלץ דערציילן?

האָסטו געהערט די סאָלווע־שאָסן וואָס האָבן אָנגעזאָגט דער וועלט די שעה פון רו? פרידן וועט זיין. עס וועלן קומען טעג, צו וועלכע דו האָסט אַזוי געבענקט אינעם חושך פון אונדזער געטאָ־לעבן. האָסטו זיך דערוואָרט? די אומזיכערקייט פייניקט. מיין האָפנונג איז נאָר דער גלויבן אין אַ נס. ביסט געווען מיד נאָך די פינף יאָר געטאָ. און איצטער ווייט פון אונדז, צו האָסטו געקאָנט נאָך אויסהאַלטן פרישע מערדערייען? און אפשר האָט גאָר די בענקשאַפט געהאָלפן דיר אַלץ איבערטראָגן, אַלץ אויס־האַלטן? טאַטע, מיר זענען דאָ, דאָס פייער טליעט, דו פעלסט צו אונדזער פרייד...

8־טער מאַי.

עס איז שוין נאָך אַלעם. די פרייהייט איז געקומען. זי האָט

אַ פֿראַזאַיִש פּנים. קיינער איז פֿאַר פֿרייד נישט געשטאָרבן. קיינער האָט פֿאַר התלהבות נישט פֿאַרלוירן דעם זינען. מיט אַזוי־פֿיל טרערן באַשאַנקען זי אין די חלומות, מיט אַזויפֿיל שמייכלען אומגעקראַנצט די בענקשאַפֿט צו איר. איצט שטייט זי ווי אַ בעטלערין פֿאַר אונדז. נישטאָ מער וואָס איר צו שענקען . . . ווי מעכטיק האָבן מיר זי גערופֿן אין די פֿינצטערע טעג; מיט וויפֿל קראַפֿט האָט איר ווייטער שימער אָנגעפֿילט אונדזערע דאַרע לייבער. איצט איז זי דאָ, אַן אמת׳ע, אַווירקלעך־נאָענטע.... זי ווינקט אונדז אַרויס פֿון יעדער ווינקעלע, זי פֿילט אויס אונדזערע אויגן. מיר זעען זי נישט. זי בעט ביי אונדז; רירט מיך אָן... זי חלשט; קוויקט זיך מיט מיר... מיר זענען מיד. דער נעכטן פֿלאַטערט ווי אַ שפּאַרבער איבער אונדז און פּאָכעט מיט שוואַרצע פֿליגלען. ער צעפּרעסט מיט דערמאָנונגען אונדזערע טעג. ער פֿאַרסמ׳ט מיט שרעק אונדזערע נעכט. אָרימע, אומעטיקע פֿריי־הייט. צו וועט זי אַמאָל האָבן די קראַפֿט אונדז פֿון די שאָטן־פֿליגל צו באַפֿרייען ?

פֿלעדערמייז פֿליען פֿאַרביי פֿענצטער.

פֿליגלען פֿלאַטערן אויס דעם טאַנץ פֿון געשפּענסטער... מיין אומפֿאַרענדיקט געטאָ־ליד לאָזט מיך ניט רוען. עס האָט מיך באַגלייט אין מיין געפֿאַנגענשאַפֿט, מיט אים אויף די ליפּן האָב איך אין די ווינטער פֿאַרטאָגן געדרעפּטשעט דורך שנייען צו דער אַרבעט. איך האָב עס מיר אויפֿגעשריבן מיט אַ בליי איבער מיין פּריטשע און ווייטער געוועבט אַ פּאָר שורות. אָבער אין מיר מאָנט עס נאָך כּסדר. עס נאָגט.

איך הער דורכן פֿענצטער די שטים פֿון מעגאַפֿאָן. היינט איז דער קריג אָפֿיציעל געענדיקט. וואו ביסטו טאַטע כ׳זאָל דיך קענען אַרומנעמען ?

...די לופֿט ציטערט מיט ווייטע סאַלווע שאָסן. איבערן הימל דרייען זיך לייכטע קרייזלעך רויך. מיר באַערן די פֿייערלעכע מינוט מיט אַ שטיקעל טרוקן ברויט. מיר האָבן גאָרנישט בעסערס.

10־טער מאַי

ווען איך עפן די אויגן בײַנאַכט זע איך פֿאַר מיר די מאַמע און העניען. זיי ווישן מיר דעם שווייס פֿון שטערן און פֿרעגן מיך כּסדר וואָס איך מאַך. מיר ציטערן איצט איינע איבער דער אַנדע־רער. איך וויל זיי בּאַרואיקן, איך וויל זיי זאָגן, אַז מיר דאַרפֿן מער נישט שרעקן. מיר זענען דאָך שוין פֿריי... איך טראַכט אָבער, צו וועט אונדז ווער קענען באַשיצן פֿון טויט אין אונדז אַליין? ניין, מיר זענען נאָך אַלץ אומבאַהאָלפֿן.

כ׳האָב היץ. אפשר בין איך פֿאַרקילט און אפשר... טיפֿוס?

13־טער יוני.

פֿיר וואָכן האָט אַ פֿיבער געזידט אין מיין בלוט, געבּרענט אין די אויגן און פֿאַרשלײַערט מײַן מח. דער טיפֿוס האָט געשפּילט מיט מיין גוף און נשמה. פֿון אונטער תּהומיקע בערג זיינען מיר אַנטקעגן געקומען מיינע טײַערע, זיי האָבן גערעדט צו מיר זייערע אַמאָל־געזאָגטע רייד. געשמייכלט זייערע אַמאָליקע שמייכלען און האָבן געטענהט מיט מיין לעבן. אַרויסגעוויינט פֿון מיינע אויגן. מיינע שמאָלע, ביינערדיקע הענט האָבן זיי געזוכט אינעם לערן אַרום. כ׳האָב זיי אַרומגענומען אין דער ליידיקייט. געטוליעט מיינע לעבעדיקע, אַנגעשוואָלענע ליפּן צו זייערע אומלייביקע פּנימער. געפּירט מיינע אויסגעצויגענע, דאַרע פֿינגער איבער די קודלעס פֿון דער שוואַרציקער נאַכט און געמיינט, אַז איך גלעט זייערע האָר. כ׳האָב געפֿילט, ווי עס זעצט מיר אין פּנים צוריק מיין אייגענער, פֿלאַמיקער אָטעם און געמיינט, אַז דאָס הויכן זיי אין מיינע באַקן. זיי זענען אַלע געווען מיט מיר. אָט האָב איך געזען מיין פֿריינט יעקב באַרענשטיינען אין יענעם ווינטער טאָג, ווען ער האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין. זיינע אויגן האָבן געפֿלאַמט; — זייט נישט אומעטיק, חברטע, מיר וועלן זיך טרעפֿן... און מיטאַמאָל האָבן זיך מיינע ליפּן צעציטערט: קומט מיט מיר, חברטע, מירן מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר... איך גיי, איך גיי, — האָב איך אים אַנטקעגנגערופֿן. נאָר מיין חבר קובא ליטמאַנאָוויטש האָט מיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַנט: — ברענג מיר אַן עפּעלע...

כ׳האָב אים באַגלייט צום בית עולם. מיט אונדז זענען געווען אַלע חברים. פון ווייטע סטעזשקעס איז אָנגעקומען אסתר׳ל מיט מאַניעקן, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און געלאָפן צו אונדז. — וואָרט — האָט אסתר׳ל געשריגן .זי האָט מיר אַ לאַך געטאָן אין פּנים: איצט ווייסטו שוין, אַז איך האָב נישט קיין צייט? מאַניעק האָט זי געלומען אויף די הענט און זי ארייגעלעגט אין קבר ווי אין אַ בעט און אליין זיך געלעגט דערנעבן.

איך האָב זיך געשאַרט צו דער וואַנט פון מיין שפּיטאָל־בעטל און געמאַכט פּלאַץ פאַר זיי אַלעמען. אָבער זיי האָבן מיך אין בייז־קייט אַלץ מער געפּרעסט צו דער קאַלטער מויער. און פּלוצים זיינען זיי אַלע צו מיר גוט געוואָרן. כ׳האָב געזען ווי די גאַנצע געטאָ־גאַס קומט אונדז אַנטקעגן אין אַ יומטובדיקן, געמיטלעכן שפּאַציר. דאָן איז ער אויך אָנגעקומען. בונים שאַיעוויטש. כ׳בין ווידער געווען אַליין. מיין בעט האָט זיך געהוידעט ווי אַ הוידעל־קע אויף אַ לאַנגער שנור, וואָס צעוויגט זיך פון הימל ביז תהומען, פון לעבן ביז חלום, פון חלום ביז טויט. בונים איז געשטאַנען ביים פענצטער פון מיין שפּיטאָל צימער. ווי ער פלעגט שטיין ביי זיך אינדערהיים אויף לאַטנישטשע 14. די הענט אין די קעשענעס, די גרויע אויגן פאַרזשמורעט אונטער די ברילן גלעזער. ער האָט געקוקט דורכן הימל, דורך מיר, און נאָך ווייטער. — כ׳בין אומ־געקומען — האָט ער געזאָגט. ער האָט אָנגענומען דעם ראַנד פון מיין בעט און עס אַ שליידער געטאָן. די ערד האָט זיך צע־וויגט, דער הימל האָט זיך צעשוידערט. אין מיין לייב האָט געגליט די שרפה פון דער אונטערגייענדיקער זון. כ׳האָב אויסגעטון זיין ברוינע, געקעסטעלטע מאַרינאַרקע, וואָס כ׳האָב געטראָגן אויף זיך און געפּאַכעט מיט איר פון מיין הוידעלקע. אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַזוי אומאויפהערלעך לאַנג, ביז מיינע הענט האָבן זיך אָב־געריסן פון לייב און אַזוי איינגעקלאַמערט מיט אַלע מיינע פינגער איז די מאַרינאַרקע געפאַלן אין אַ טיפקייט, אין אַ נאַכט... כ׳האָב געוואָלט אַראָפּקוקן אונטן, זען וואו זי פאַלט, וואו עס פאַרשווינדן מיינע הענט מיט איר, אָבער טרערן האָבן פאַרנעפּלט מיינע אויגן. נעבן מיר האָט געוויינט דער טאַטע, זיינע ליפּן זענען געווען ווייס

און צוזאַמענגעוואַקסן און דאַך האָב איך געהערט זיין שטים: — טאַכטערשי, איך האָב דיר געבראַכט אַביסעלע זופּ; שיטערע קאַר־טאָפּעלעך, צעקאַכטע, געשמאַלצענע און אַ מייערעלע, אַ יונגיטש־קעס צעריבן אין אַ צימעס... נעם עס... עס.. .מאַך אויף דאָס מויל. זע, ווי עס שמעקט... דער טעם פון עפּעס זיסעס, דערקוויקענדי־קעס האָט מיר געעפּענט אויף אַ ווײַלע די אויגן. ביים בעט איז געזעסן מיין געראַטעוועטע מאַמע. זי האָט געפּליסטערט. כ׳האָב נישט געהערט אירע רייד, און דאָך האָבן זיי געטריפט מיט באַלזאַם אויף מיין נשמה. די טרערן פון אירע מידע אויגן האָבן געקילט מיין גליאיקן גוף. צופוסענס פון בעט איז געשטאַנען מיין אויס־געדאַרטע, פאַרפייניקטע שוועסטער. ווי אַ דין, קראַנק צווייגל האָט זי זיך געוויגט איבער מיר. אירע אויגן האָבן געפלאַטערט צעשראָקן פול מיט תפילה און געבעט. כ׳האָב געמוזט לעבן. עפּעס אַ געבענטשטע גערעכטיקייט האָט מיך אָפּגעשוינט פאַר זיי און זיי פאַר מיר. כ׳וואָלט געוואָלט דערדאַזיקער גערעכטיקייט אָפּ־צאָלן אַ חוב, כ׳וואָלט געוואָלט איר אָפּצאָלן פאַרן גרויסן אומ־רעכט פון אונדזער איינזאַמקייט.

18־טער יוני.

איך בין שוין כמעט זעקס וואָכן אין שפּיטאָל. ווידער צוריק געקומען צום לעבן. דער קערפּער פרייט זיך — די נשמה וויינט. מיר דוכט זיך, אַז נישט דער קערפּער, נאָר זי, די נשמה, איז דאָס אַזוי קראַנק געווען. הילפלאָז. האָפנונגסלאָז. איך פיל מיך ווי איינער וואָס קומט פון אַ פינצטערן קעלער פּלוצים אַרויף צום ליכט. ער איז באַרוישט, ער פאַרזשמורעט די אויגן, ער האָט נישט קיין כח די גאַנצע העלקייט אַנצושלינגען אין זיך.

ס׳איז פרילינג. פרילינג פון דער באַפרייאונג... די זון אָטעמט מיט לעבן... און דאָך... אונטער אירע צעבלויטע הימלען איז לער. אירע אָרעמס זוכן אומזיסט אַזוי פיל געזיכטער, אַזוי פיל לייבער. נישטאָ. זיי נעמען אַרום די ליידיקייט און אין איר וואו נישט וואו אַ פאַר איינזאַמע, פאַרדאַרטע גופים.

איך פיר אַ דאָפּעלט לעבן. איינס אַ דינס, אַ צאַפּלדיקס, אַ יונגס און שטרעבענדיקס. דאָס צווייטע אַ טיפּס, אַ צעוויייטיקטס אָבער אַ פולס. דאָס ערשטע איז פאַרשעמט און שולדיק, דאָס צווייטע איז צעשטורעמט, צעברויזט און פאַרפּייניקט. דאָס ערשטע ציטערט אויפ'ן שוועל פון צווייטן, גייט קיינמאָל נישט אַריין אין דעם צווייטנס טיפעניש. אָבער דאָס צווייטע רייסט זיך אַריין אין דעם צאַפּלענדיקן, יונגן לעבן און צעשטערט, פאַרניכטעט און פאַרסמט יעדער שוואַכסטע פרייד. עס פאַדערט אומאויפהערלעך, עס פאַרלאַנגט...

20־טן יוני.

איך לערן מיך גיין! די מאַמע האָט מיך היינט אַראָפּגעפירט פון די שטיגן אַרויס אין דרויסן. זי האָט אויסגעזוכט אַן אַלטע קאַנסערוון־פּושקע און מיך אויף איר אַנידערגעזעצט. אַ שאָד, וואָס אַרום מיר איז געווען אַזוי שמוציק. פּאַפּירן אַנגעוואָרפן אי־בעראַל, ליידיקע קאַסטנס, צעבראָכענע שענק און בעטן האָבן פאַר־פלעקט די לויטערע גרינקייט פון גראָז. פאַרוואָס איז נישט זויבער אַרום מיר? פאַרוואָס שפּילט נישט קיין אָרקעסטער צום ריטם פון מיין האַרץ? פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי גלייכגילטיק? איך לערן מיך גיין! נאָר דער הימל האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אַ צעבלימל־טער זון. איך קוק צו אים אַרויף. כ'בין ווידער מיט אים חבר! ווידער צעוויקעלט זיך מיין חלום איבער זיינע טיפענישן. ס'איז גוט צו לעבן. ס'איז געשמאַק מחיהדיק. איך וויל פון גאַרנישט טראַכטן. איך וויל מיין לייב זאָל פול ווערן, מיינע פיס זאָלן קראַפט באַקומען. כ'וויל זינגען, כ'וויל זיך טאַרען אין גראָז, כ'וויל קענען לויפן אַ צעיאָכמעטע איבער פעלדער. וואָס שנעלער... וואָס שנעלער...

העניע האָט מיר געבראַכט אַ צווייגל בליעכטס. איצט ליג איך אויפן בעט, גליקלעך ווי אַ קינפעטאָרן. דאָס צווייגעלע שטייט אויפן פענצטער אין אַ פלעשל. ווען כ'וועל אומדרייען דעם קאָפּ וועל איך עס זען. נאָר איצטער האָב איך נישט קיין כח. שפּעטער אַביסל.

23־טער יוני.

פלעדערמייז פליען פאַרביי פענצטער,
פליגלען פלאַטערן אויס זעם טאַנץ פון געשפּענסטער.

דידאָזיקע שורות פיניקן מיך. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פּאָעמע פון אונדזער גורל־וועג. איך זע בונים שאַיעוויטשן ביים פענצטער פון זיין צימער. מאָרגן גייט ער אין וועג. אין די טונקעלע ווינקלען פון שטוב ליגט נאָך דער אָטעם פון זיינע באַענטסטע, וואָס זענען אַוועק. באַלד וועט ער אויך גיין. דער לעצטער. אַ גאַנצן שטאָם פירט ער מיט זיך. קיינער וועט זיי נישט דערמאָנען, קיינער וועט אים נישט דערמאָנען. נאָמענלאָזער אונטערגאנג.

טיף אין מיין אומבאַוואוסטזיניקן לעבן זענען זיי אַלע דאָ. זיי וועקן מיך אין די נעכט, באַפאַלן מיך טיילמאָל אומגעריכט אין מיטן פון אַ צו זאָרגלאָזן געלעכטער מיינעם, אין אַ צו גליקלעך איבערגעלעבטער רגע. אָבער ווען איך וויל זיי אויפלעבן, ארויספירן פון זייער פאַרבאָרגעניש, איז גענוג אַ וואַרימער ווינטל־הויך, אַ שימער פון דער זון, און ס׳צעגיסט זיך אַ ווייטאָק איבער די גלידער און עס באַפאַלט אַ מעכטיקער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון זיי, צו פאַרגעסן.

כ׳ווייס, אין יענע טעג, ווען כ׳האָב געזאָלט טיילן זייער אומקום, האָבן זיי מיר נישט ווי געטאָן. זיי זענען געווען מיט מיר. נישט אין זייער רעאַלן, געשטאַלטלעכן זיין, נאָר אין זייער וועזן. ערגעץ אויף אַ וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשיידט פון מיר, ערגעץ אין אַ רגע מיך פאַרלאָזן. כ׳בין געגאַנגען צום לעבן. און איצט ווען איך טראַכט פון זיי, ווען כ׳דערמאָן זיי, צערייסט מיך עפּעס, איך פיל ווי דער ווייטאָג פאַרניכטעט מיך. און איך בעט עס זאָל קומען מיר העלפן אַ קראַפט אַ מעכטיקערע ווי דער ווייטאָג. איך וויל מיט זיי לעבן, איך מוז זיי דערמאָנען. און כ׳בעט די צייט זאָל נישט פאַרווישן דעם מינדעסטן שטריך, מיין זכרון זאָל זיין אייביק פריש און גרייט מיר צו דינען. כ׳האָב מורא, אַז אַזוי וועט נישט זיין. נאָר די בענקשאַפט, זי וועט אייביק, אַן אויסגעהונגער־

טע פייניקן און וואָס שפּעטער, אַלץ מער וועט זי בלייבן אומבאַ־האָלפן. דער זכרון וועט איר נישט דינען, ער וועט נישט קענען אויפלעבען די אַלע קלייניקייטן, די מינדעסטע שימערן, די צאַפּ־לענדיקע, דינע שטריכן, וואָס אַליין באַדייטן זיי גאָרנישט, אָבער צוזאַמען גיבן זיי די פאָרם, וואָס הייסט לעבן. עס וועט בלייבן דאָס אַלגעמיינע, צעשוואומענע. אַ ווייטע פאַרשטעלונג נאָר פון אַ ווירק־לעכקייט, וואָס איז אַמאָל געווען און היינט איז זי נישטאָ.

24־טער יוני.

געהאַט אַ קאָשמאַרנעם חלום. אויפגעריסן זיך פון שלאָף מיט אַ געשריי. מען האָט אונדז געיאָגט. מיר זענען געלאָפן איבער פעל־דער... אין מיטן פארלוירן די מאַמע... כ׳האָב געעפנט די אויגן און לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. כ׳האָב געזען אין דער פינצטער דער מאַמעס בלייכע געזיכט און מיר נישט צוגעגלויבט. ניין, מען דאַרף שוין נישט אינערגעץ לויפן. עס איז שוין נאָך אַלעם. אַ גאַנצן טאָג בין איך ווי אין פיבער. אַלע ווילע ציטערט עפּעס אויף אין מיר קעגן מיין ווילן, קעגן מיין פאַרשטאַנד.

26־טן יוני

וואָס פאַראַ טעג מיר האָבן! אַלץ איז גרין אַרום. פון די ביימער פאַלט בליעכטס. ווייסע טעפּיכער אונטער יעדן בוים. די ביימער וואָס שטייען נאָך אין ווייסן זעען אויס ווי בעל־תפילות וואָס גרייטן זיך געלייטערטע אַראָפּצונעמען די טליתים. וואָס רעד איך? פּשוט ביימער, וואָס פארלירן זייער בליעכטס. צו קען מען עס דען מיט עפּעס נאָך פאַרגלייכן? עס דאַרף תפילה טון דער וואָס קוקט אויף אַזאַ הייליקייט. מיר זענען ווי קינדער. יעדן טאָג נייע אַנטפּלעק־קונגען. די פרייד פון דערוואַכונג מאַכט שכור. ס׳איז גוט צו קענען אַטעמען, פּילן, זען, הערן. ס׳איז גוט צו עסן. ס׳איז גוט זיך איינצובייסן אין אַ שטיק ברויט. ס׳איז אַ ווילדע, כמעט חיהשע פרייד און גלייכצייטיק אַזאַ הייליקע עבודה.

מיר טוען גאָרנישט גאַנצע טעג. דאָך ווייסן מיר נישט וואָס דאָס הייסט לאַנגווייליקן זיך. אַ גרעזל, וואָס אַ שווערער שטיוול

האָט עס צעטרעטן האָט דאָך אַזוי פיל צו טון ביז עס גלייכט אויס דעם רוקן, ביז די זאַפּטן הויבן ווידער אָן אין אים פּולסירענדיק צו ריזלען.. מיר זעגען ווי די צעטראָטענע גראָזן, און מיר זעגען פאַרנומען מיט זיך. ס'איז אינטערעסאַנט. שפּאַנענד.

איך טראַכט פון פוילן, פונעם לאַנד פון מיינע קינדער־יאָרן. איך בענק צו די היימישע גאַסן פון מיין שטאָט. און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דאָרט קיינעם נישט טרעפן?

עס טויכט מיר אויף דאָס געזיכט פון מיין טאַטן. איך פיל אויף מיין באַק זיין האַנט, וואָס האָט מיך אין פּאַרגעפּיל געגלעט אויפן וועג צו אונדזער צעשיידונג. טאַטע, דיין וואַרימע האַנט, זי טוט מיר ווי. וואו ביסטו? וואו וועלן מיר זיך אַמאָל טרעפן אויף די וועגן פון דער וועלט? וואו וועסטו אונדז זוכן, וואו זאָלן מיר דיך זוכן?

27־טן יוני.

היינט געווען אין וואַלד. ס'איז גוט וואָס מען האָט אונדז דאָ אַהער געבראַכט צום געזונט ווערן. און דאָך דוכט זיך מיר, אַז וואו מען וואָלט אונדז היינט נישט געפירט, וואָלטן מיר געזען שיינקייט... מיר וועלן אויף אייביק שוין פילן דעם טיפן, אמתן טעם פון יעדער זאַך, וואָס מיר זעען.

כ'האָב מיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג מיינער אויף אַ קעמפּע גראָזן; פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך דעק צו די גאַנצע ערד. אַרום מיר איז געשטאַנען אַ געדיכטערביימער־קרייז. אויבן איבער מיין קאָפּ האָבן זיך די צווייגן־קרוינען דערלאַנגט די הענט און געטאַנצט אין בלוי־גרינעם קאַראַהאָד אויפן יומטובדיקן הימל. מער איז גאָרנישט געווען און דאָס איז געווען אַלץ. די וועלט און דאָס לעבן. שפּעטער האָב איך זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו דר'ערד. איינ־גענורעט מיין קאָפּ אין די גראָז־טיפענישן. דער זיסער ריח פון דער ערד האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין לייב און פאַרשכורט די גלידער. כ'האָב אָנגעכאַפּט אַ גרעזל מיט די ציין און עס גענומען

קייען... דאָרט אויף יענער זייט, אין שטעט און לענדער זיצן איצט מענטשן און טרינקען וויין. אָרעמע נאַראָנים. זיי וועלן קיינ־מאָל נישט קענען דעם טעם פון גראָז.

28־טער יוני.

צוויי מיידלעך פון אונדזער צימער זענען די נאַכט נישט אַהיימגעקומען שלאָפן. ערשט מיטאָג־צייט זענען זיי געקומען, געבראַכט פּאַפּיראָסן און שאָקאָלאַד. זיי האָבן ביידע נאָך נישט קיין צוואַנציק יאָר. די ענגלענדער מיט וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט זענען די ערשטע מענער, וואָס באַוואונדערן זייער פרישע, ערשט־אויפגעשפּראָצטע ווייבלעכקייט. זיי זענען נישט די איינציקע אין לאַגער. דער וואַלד איז פול מיט צוואָרפענע פּאָרלעך. אויף אַלע סטעזשקעס און וועגן שפּאַצירן זיי. מען הערט ווידער יענע לאַנג נישט געהערטע פרויען־געלעכטערס. געלעכטערס פאַר מענער.

טיילמאָל הערענדיק אַזאַ געלעכטער דוכט זיך מיר, אַז אַט באַלד וועט עס זיך פאַרקייקלען אין אַ געוויין, אין אַ יסורימדיק געוויין פון אַ פאַרחלשטער אין בענקשאַפט פרויען־נשמה, וואָס וויל אין די אויגן, אין די הענט, אין די שמייכלען פון אַ פרעמדן מאַן אָפּעגפינען כאָטש אַן אָפּשיין פון ענלעכקייט צו אירע לייב־לעך־נאָענטע, פאַרלוירענע מענער־געזיכטער. עס לויפן איצט די געלעכטערס אַרום איבער אַלע הויפן, איבער אַלע צימערן. — זעט, כ'האָב פאַרגעסן! רופן זיי צו דיר. ס'איז גענוג אַריינצוקוקן אין זייערע אויגן.

די מיידלעך פון 18־19 יאָר, זיי לאַכן אמתדיק, אויפריכטיק. ס'איז אַזוי קלוג דאָס וואונדערלעכע לעבן. ווי עס וואָלט מורא געהאַט, אַז דער קאָשמאַר וועט צעדריקן אַט די יונגע־צאַרטע, נאָר וואָס דערוואַכטע גופים; האָט עס זיי אויסגעלערנט פאַרגעסן. לייכט... גוט פאַרגעסן. זענען זיי דען שולדיק וואָס חלומות ברענגען זיי דעם אָפּשיין פון טאַטע־מאַמע בליקן, שמייכלען פון שוועס־טער־ברידער, אָדער גאָר די גרוילן פון נעכטיקער שרעק? אָבער בייטאָג פלאַטערן צעזונגענע, פאַרשמייעטע מיידלעך דורך אַלע וועגן און הויפן צו יענע, וואָס וועלן זיי לערנען די ערשטע רייד

פון ליבע; מיט פרעמדע ווערטער, אָבער מיט פאַרשטענדלעכע געסטן און קושן. און אויסער דעם איז דאָך גוט דער טעם פון שאָקאָלאַד, וואָס דערמאָנט אין דער זיסקייט פון ווייט־נאָענטע קינדער־יאָרן.

טייל פרויען פאַרקויפן זיך צו די זעלנער פשוט, באַוואוסט־זיניק. זיי ווילן עסן אַ שטיקל ווייס ברויט.

30־טער יוני.

מען וואָלט שוין געדאַרפן פאַרשרייבן. פאַרצייכענען יעדער קלייניקייט, יעדער מינדעסטע דערינערונג פון דעם פאַרגאַנגע־נעם. עס מאָנט עפּעס... עס טרייבט. אָבער אַרום איז שיין און ליכטיק. ס'איז זומערדיק פריי. וואו נעמט מען די קראַפט דאָס אַלץ אָפּצושטויסן פון זיך. ס'איז דאָך מיין ערשטער זומער. איז ער נאָך ווייניק פאַרסמט? איך לייג אָפּ פון איין טאָג אויפן אַנדערן.

איך טראַכט צו ווען מיר אַמאָל האָבן אַ קינסטלעריש, אַרומ־נעמענדיק ווערק וועגן דעם פאַרגאַנגענעם. איך צווייפל דערין. איך דערמאָן זיך מיינע שמועסן מיט שאַיעוויטשן אין געטאָ. ער האָט געשריבן די גרויסע פּאָעמע.

איך האָב אים געזאָגט: אַזאַ עפּאָפּייע דאַרף מען שרייבן פון פּערעספּעקטיוו. נאָך אַ צייט. ער האָט דעמאָלט נישט געוואוסט ווי זיין פּאָעמע וועט זיך ענדיקן, אַז זי וועט בלייבן אומפאַרענדיקט. ער האָט מיר געזאָגט: — פון אונדזער לעבן מוז מען שרייבן אַזוי. וואָס טו איך דען? איך לאָז טריפן אונדזערע טעג פון מיין פעדער. מער דאַרף מען נישט. — היינט ווייס איך, אַז אַנדערש קען מען נישט. די פּערעספּעקטיווע וועט וואַקסן, זיך אויסציען. ווערזשע וועט קענען ברענגען דעם ציטער פון יענע געטאָ־טעג? פון אַזעלכע טעג קאָן מען נאָר שרייבן אין די הייסע שעהן פון זייער דויערן. מיט אַ קורצן, אָפּגעריסענעם אָטעם; ווי עס האָבן עס געטון די שרייבער און מאָלער פון געטאָ, ווען מען האָט דיס־

טאַנס קאָן מען נאָר געבן דעם שאַרבן פון גאַנצקייט, אָבער אַנע פולס פון צאַפּלענדיק־צעפּיבערטע בלוטן.

צו קענען דען פּאַסן די אָנגענומענע קינסטלערישע פאָרמען פאַר אַ בוך פון געטאָ? איז עס נישט קיין מאַסקע אויף דער רוי־קייט און אוממיטעלבאַרקייט מיט וועלכער מען דאַרף זיך צורירן צו דער טעמע? איז די פאָרם פון אַ קינסטלערישן ראָמאַן נישט צו עלעגאַנט, צו שלומדיק, צו רואיק און געמיטלעך? איך פיל דערין אַ באַליידיקונג פאַר מיינע טייערע און פאַר מיר אַליין.

און טיילמאָל טראַכט איך, אַז מיר האָבן זיך פאַרדינט צו האָבן אַזאַ מייסטער וואָס זאָל באַוויזן דעם וואונדער פון גיבן זיי אייביקן לעבן. אפשר וועט קומען איינער פון די וואָס האָבן זיך ערשט ארויסגעריסן פון דער נאַכט און שוין וועט ער גיין צוריק צו יענעם וועג, צו יענע אָפּגרונטן, צו יענע שרעקן כדי נאָך אַמאָל ערלעך און געטריי אַדורכצופיבערן יענע פיבערן און ברענגען זיי דער וועלט. אפשר וועט דאָס זיין אַזעלכער, וואָס איז געווען ווייט פון פייער און מיט אַ געזונטן גוף און נשמה וועט ער זיך איצט וואַרפן אין די פלאַמען, כדי צו ברענגען דעם בראַנד פאַר דער וועלט. דער ערשטער, צי דער צווייטער, — דאָס וואָלטן געווען ריזן.

1־טער יולי.

ווידער געזען בונים שאַיעוויטשן אין חלום. ער האָט געשמ־ראָלט מיט יענעם ליכט, וואָס פלעגט תמיד זיך צעגיסן איבער זיין פנים, ווען ער האָט זיך געפרייט. מיר האָבן געשמועסט נישט מיטן מויל, נאָר מיט די געדאַנקען: כ'בין זייער מיד — האָט ער געזאָגט — אָבער צופרידן. איך האָב אים געזען אין עפּעס אַ הילצערנעם הויז. ער האָט פון ערגעץ ארויסגעשלעפּט גאַנצע פּעק מיט כתבים — האָסט זיי אָפּגעראַטעוועט? האָב איך אים געפרעגט — ער האָט געענטפערט אַ צעשטראַלטער — גענוג, בלויז „ישראל נאָבל” .ער האָט מיר אָנגעהויבן פאַרלייענען די פּאָעמע.

אָבער פּלוצים האָט ער זיך געגומען ווידער גרייטן אין וועג אַריין. איך האָב אים געזאָגט — מיר זענען דאָך שוין אַרויסגעשיקט. געדענקסט נישט?

וואו ביסטו בונים, וואו זענען אונדזערע טייערע פריינט? וואו זענען די דיכטער און מאָלער, די מוזיקער פון געטאָ?

מיר פילן זיך איינזאַם. אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער. וואָס זאָלן מיר טון מיט אונדזער געשאָנקענעם לעבן? די וועלט איז פאַרמאַכט פאַר אונדז. ערגעץ גייט אָן אַ ניי לעבן. ביי אונדז איז די צייט געבליבן שטיין. גרויסע טעג און נעכט פירן אונדז צוריק... צוריק. די וועלט שרייבט אויפסניי די געשיכטע פון איר אומגערעכטיקייט קעגן אונדז.

5־טער יולי.

מענער קומען אָן פון איבעראַל. זיי זוכן זייערע פרויען. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר ציטערן מיר אויף. יעדער ווילע קומט אַריין עמעץ אַנדערש. מען קומט אונדז פרעגן. די אויגן פון די מענער בעטן זיך ביי אונדז, חלשן — אפשר ווייסט איר דאָך עפּעס... דערמאָנט זיך, דערמאָנט זיך גוט. זיי שילדערן אונדז דעם אויסזען פון זייערע טייערע. צו ווייסן זיי נישט, אַז דאָס בילד, וואָס זיי טראָגן אין האַרצן איז לאַנג שוין פאַרענדערט, אַז יעדער טאָג, פון די אַלע וואָס זענען פאַרביי, האָט עס אומגעוואַנדעלט נישט צום דערקענען? מיר פרעגן אויך. די מענער ענטפערן מיט צעשטרייטע, אָפּגעריסענע פראַזן. מיר זענען זיי מכבד מיט וואָס מיר קענען, אָבער זיי האָבן נישט קיין געדולד. רייסן זיך אויף און לויפן ווייטער. ערגעץ פון אָן אָפענער טיר טראָגט זיך אַ ספּאַזמאַטיש שלוכצן. מסתמא האָט ווער אַ בשורה געבראַכט. מסתמא האָט וועמענס אַ האַרץ פאַרלוירן די לעצטע האָפענונג. און אפשר איז גאָר אַ לאַנג־געטראָגענער חלום אמת געוואָרן און די פּלוצלימדיקע פרייד האָט אויפגעריסן וועמענס מידע טרערן מיט שטראָמען אויפגעלייזטן וויטאָג. איז עס דאָס ערשטע, צו דאָס צווייטע?

מיר קענען נישט איינרוען. מיר לויפן אַראָפּ. אונטן טראָגט זיך דער אומרו איבער אַלע הייף. די מענער גייען פון הויז צו

הויז שטעלן זיך פאַר די אויפגעפּראַלטע פענצטער און רופן. אַפּט רופן זיי אויס אַ גאַנצן צעטל מיט נעמען פון פרויען, טעכ־טער, שוועסטערן... אַ ווײַלע וואַרטן זיי, צו וועט נישט אַמאָל אַ וואונדער געשען און ס׳וועט אויפטויכן פון די צימער־טיפענישן אַ טייער פּנים. נאָר ס׳שטאַרן פרעמדע פרויען־קעפּ פון די פענצ־טער ארויס: —

— פון וואַנען קומט איר?... קענט איר נישט אמאָל...? ניין, ער קען נישט:

— און די מיידל געדענקסטו נישט אַמאָל מיין טעכטערל?... דער לאַגער שוידערט אין דערוואַרטונג. מיר שטעלן אַפּ יעדן מאַן, וואָס מיר באַגעגענען. עס וואָלט געווען צו שיין, מיר זאָלן אַמאָל אַזוי אַפּשטעלן אונדזער טאַטן. וויפיל כּח דאַרף מען האָבן צו אַזאַ באַגעגעניש. ווען כ׳זע פון ווייטן אַ מאַן מיט ענלעכע שטריכן, האַקן זיך מיר אונטער די פיס.

פון צייט צו צייט שאַרט זיך פאַרביי אַ פּאָרל. אַ מאַן מיט אַ פרוי. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט אומבאַהאָלפן פון פרייד און ווייטיק. גליקלעכע. פון אַלע זייטן קוקט מען זיי נאָך. מען קוקט אויף זיי מיט מאָדנע אויגן.

8־טער יולי.

טאַטע, איצט אין דער רגע, רוף איך דיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין ווילן. אויב ביסטו ערגעץ פאַראַן, מוזטו דער־פילן מיין ציטער, מוזטו מיך דערהערן. פאַרליר נישט די האָפ־נונג. אויב לעבסטו, וועלן נישט זיין קיין צו ווייטע וועגן צו דיר. אויב ביסטו קראַנק, האַלט אויס, וואַרט, מיר וועלן קומען, מיר וועלן אריינהויכן אונדזער פרייד אין דיר. מיר וועלן דיך געזונט מאַכן. מיר רופן דיך. טאַטע!

10 ־טער יולי.

מיר גייען לייענען די ליסטעס, וואָס קומען אָן פון די לאַ־

גערן. די לאַנגע צעטלען זיינען לאַנג שוין צעקנייטשט פון אומ־רואיקע הענט. איבעראַל שפּורן פון פינגער ווי איינגעחתמעט אויף יעדער זייט. איצט פלאַטערן מיינע פינגער אינעם וואַלד פון נעמען. דאָס האַרץ פּויקט אינעם מח אַריין. אונטער די נעמען זענען דאָך מענטשן, יידן געראַטעוועטע. דאָס שרייען זיי צו דיר אַרויס: — זעט, כ׳לעב כ׳בין דאָ! געפינט מיך ברודער, געפינט מיך שוועסטער, פריינט...—וויפל פון די נעמען וועלן נישט געפינען קיין ווידער־קול אין קיין שום האַרץ? פרעמדע, איינזאַמע, איינציקע נעמען. צענד־ליקער, הונדערטער אַזעלכע.

אָט האָב איך געפונען אייניקע באַקאַנטע, נעענטערע, ווייטערע. גוט וואָס זיי לעבן, אָבער דער פינגער לויפט שוין ווייטער, זוכט די נאָענסטע. נישט איינמאָל בלייבט שטיין דאָס האַרץ... דער־זעלבער נאָמען... — אַ ווײַלע שפּעטער לויפט עס שוין ווייטער. ס׳איז אַן אַנדער מאַן, בלויז מיטן זעלבן נאָמען.

16־טער יולי.

מיר פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. דער אומרו און דערוואַרטונג צעטרייסלען אונדז. עס איז אונדז שמערצלעך דער אָנבליק פון מענער, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום געזונטע, קרעפטיקע מיט נאָ־קעטע אָפּגעברענטע לייבער. איך זע ווי זיי לעבן און טראַכט פון מיינע טייערע.

מיטוואָך 19־טער יולי.

מיר האָבן אַ גרוס פון טאַטן! מיר האָבן היינט צופעליק אָפּגעשטעלט אַ יידן און געפרעגט. ער איז טאַקע געווען מיט אים צוזאַמען ביז צוויי טעג פאַר דער באַפרייאונג.

דאָנערשטיק 20־טער יולי.

מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין זוכן דעם טאַטן. היינט אינדערפרי האָבן מיר ארויסמאַרשירט.

28־טער אויגוסט.

שוין דאָ צוריק. צו וואָס פאַרשרייבן דאָס אַלץ?

פיר וואָכן ארומגעוואַנדערט אין דער לענג און ברייט פון דייטשלאנד. געשלעפּט זיך אויף וואַגאָנעס געלאָדענע מיט קוילן, געפאָרן אין לאָסט־אויטאָס אָנגעפּאַקטע מיט פערד. געגאַנגען צו פוס, מידע, צעשראָקענע מיט אַן אומרו אין האַרצן. מיר זענען נישט געווען אליין אויף די וועגן. באַגעגענט הונדערטער איינזאַמע קינדער ווי מיר, הונדערטער בלאָנקענדע טאַטעס, איינזאַמע פרויען.

אומזיסט געווען אונדזער וואַנדער. ערגעץ אין אַ וואַלד, אָדער אויף אַ לאָנקע איז מסתמא געלעגן דער אויפגעריסענער גוף פון אונדזער טאַטן. אפשר זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען גאָר נאָענט און נישט געהערט דעם שטומען רוף פון זיין לייב, וואָס האָט אפילו נישט דערוואַרט צו פילן אונדזערע אָרעמס אַרום זיין האַלדז, וואָס מיר האָבן נישט דערלעבט צו קענען אפילו צום לעצטן מאָל קושן זיינע וואונדן.

אומזיסט האָבן מיר געזוכט בונים שאַיעוויטשן. אפשר האָט ערגעץ־וואו אַ ווינט געהויכט אויף אונדז מיטן אָטעם פון זיין פאַראַשטן גוף. מיר האָבן עס נישט געוואוסט. געקומען צוריק, האָט די בשורה אויף אונדז שוין געוואַרט אין דער היים. אַ פריינט געפונען — דעם טאַטן פאַרלוירן. — פרייד און ווייטיק פאַרוואָס צעזעצן זיי נישט דאָס אָרעמע האַרץ? מ'האָט אונדז אויפגעזוכט פון די ליסטעס. ער האָט דערציילט, אַז דער טאַטע איז אומגעקומען בעת דער באַפרייאונג. שאַיעוויטש איז אַוועק מיטן לעצטן טראַנספּאָרט צו פאַרניכטונג. נישטאָ מער אויף וועמען צו וואַרטן.

1־טער סעפּטעמבער.

איך לייען מער נישט קיין ליסטעס. גיי מער נישט אינערגעץ. כ'וויס, אַז כ'וועל דעם טאַטן שוין מער נישט זען. כ'האָב עס שוין אייגענטלעך געוואוסט פון לאַנג. נאָך ביי אונדזער צעשיידונג.

איצט מוז מען זוכן ראַפינירטע מיטלען צו פאַרשרייען זיך

אליין. מען מוז מאַכן אַ טומל. מען מוז לאַכן, לויפן, שמייען. פאַר־דישען אין זיך דאָס אייביקע נאַגעניש. וואו נעמט מען די קראַפט פאַר דער פרייד? מיט וואָס פאַרסמען די בענקשאַפט?

אַפילו די נאַטור האָט פאַרלוירן איר רייץ און פאַרב. כ׳בין לער פון פאַרלאַנגען.

איך לעב איבער דעם טויט פון טאַטן צענדליגער, צענדליגער מאָל. כ׳פאַרליר זיך אין זיינע איינזאַמע יסורים און דאָך שטאַרב איך נישט דערפון. מסתמא איז נאָך פאַראַן אַ טיף צו וועלכער כ׳קען נישט דערגרייכן.

געהאַט אַ חלום. כ׳האָב מיך געזען אין קאַצעט מיט העניען. מען האָט אַלע טאָג אויסגעשאָסן צו פופציק פרויען. איך האָב מיך מיט העניען דורך אַלע וועגן ארויסגעדרייט. מען זאָל אונדז נעמען וואָס שפּעטער. ווען אונדזער טויט איז שוין געווען אומ־פאַרמיידלעך האָבן מיר געבעטן די עס עס ווייבער זיי זאָלן אונדז דעם טאָג נישט שיסן, ווייל ס׳איז שבת. סיי ווי וועלן מיר דאָך מוזן שטאַרבן, טאָ זאָל שוין זיין אַ טאָג שפּעטער. און דער טאָג פאַר וועלכן מיר האָבן אַזוי געבעטן האָט אונדז אויסגעזען צו זיין שע־נער און לאַקנדיקער ווי אַ גאַנץ לעבן. מיר האָבן זיך געבעטן ביי די ווייבער, געוואָלט אויסשנאָרן דעמדאָזיקן טאָג. זיי האָבן אונדז נישט געוואָלט צוליב טון. זיי האָבן שוין געגרייט די עקזעקוציע, ווי עס איז אָנגעקומען דער טאַטע מיט אַ ברענענדיקן האַלץ אין דער האַנט. די עס. עס. ווייבער זענען ערגעץ פאַרשוואונדן און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיט אונדז קעמפן, אַז מיר מוזן טאַקי שטאַרבן, אָבער אין קאַמף פילט מען נישט דעם טויט. מיר האָבן געציטערט איבערן טאַטן, וואָס ער רעדט אַזוי הויך, עס קען אים נאָך ווער אויסגעבן. שפּעטער האָב איך אונדז געזען אין קאַמף. עס האָבן געקעמפט אַלע לאַגערן פון האַמבורג, דאַכאַו, בוכענוואַלד, בערגן בעלזן. כ׳האָב געזען עפּעס אַ כוואַליע פון פייער, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער דייטשער ערד. און מיר האָבן געפלאַמט אינעם פייער נצחונדיק. ס׳איז געווען נאַכט און פייער און איבעראַל האָב איך געזען דעם טאַטן מיטן אָנגעצונ־דענעם שטיק האָלץ. פון דעם האָלץ האָט דאָס געפלאַמט אַזאַ שרפה.

די דייטשן האָבן אָנגעשיקט אַעראָפּלאַנען אויף אונדז און מיר זע־
נען אַרויס אויף די פּעלדער. דעמאָלס האָט דער טאַטע פּלוצים
אויפגעטויכט נעבן אונדז און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל מיט
אונדז צוזאַמען שטאַרבן. דער טויט האָט מיר באמת נאָך קיינמאָל
נישט אויסגעזען אזוי רייצענד, ווי אין דעם חלום. שפּעטער האָב
איך אונדז געזען אין אַ קעלער. דער טאַטע איז מער נישט געווען.
דאַן האָט אונדז ווער אויפגעעפנט אַ טיר. ס'האָט אונדז אין די
אויגן אַ שלאָג־געטאָן אַ גרויע סטענגע ליכט. אין הארצן איז געווען
אַ באַדויערן. ס'איז געוואָרן טאָג.

א יישר כח

אין דער ערשטער ריי, מיין פריינט, דעם קינסטלער ב. מלחי, פאר דער פיינער צייכע־נונג פון שער בלאט און די אנדערע באפוצונ־גען וואס דערשיינען אינעם בוך.

דעם דרוקער, ד. קאהן, פאר זיין איבער־געבנקייט בעת דעם אויפזעצן פון דעם בוך.

מיין פריינט, משה טראסמאן, פאר זיינע גוטע עצות בנוגע דער טעכנישער אויספירונג פון דערדאזיקער ארבעט.

ה. ה.